ליבעצענטער יאהרגאנג
№ 1
פרייז 20 גראשן. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 204.

Piątek 7 stycznia 1938 | ליכט-צינדען 3.24 | פרייטאג פ׳ בא ה׳ שבט תרצ״ח

בברכת מזל-טוב מברכים
הצו״ד מר ד״ר יהודה אש
לנשואיו את בחירת לבו מרת בתיה בידרמן
דב וינברג ומשפחתו.

צו דער חתונה פון אונזער פריינד אדוו. ד״ר לעאן אש
מיט פרל. בתיה בידערמאן
ווינשען פיעל גליק און אייביגע צופרידענהייט
מארקוס געלבער און פאמיליע.

דעם חשוב׳ן חבר צאהנדאקטאר ה. לייזעראוויטש
צו זיין חתונה מיט פרל. נ. ווייספעלנער
א הארציגען מזל-טוב
דר. וויזענפעלד און פרוי

Z intencji zaślubin p. BRONI SZAJNÓWNY z panem CHAIMEM TREMBACKIM życzy wiecznego szczęścia i zadowolenia

JAKÓB L NGNER

צו דער חתונה פון אונזער פריינד ה׳ חיים טרעמבאצקי מיט פרייליין
בראניא שיין ווינשען א הערצליכען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט
פאמיליע כאראן און ברידער מיסקע

צו דער פערלאבונג פון פרל. זיסל דאומאן מיט ה׳ חיים אפעלשטיין
ווינשען פיעל גליק און אייביגע צופרידענהייט
פאמיליע כאראן און ברידער מיסקע

צו דער חתונה פון אונזער חבר און פריינד יעקב גליקסמאן
מיט פרל. רעגינא שוסטאק
ווינשען א הערצליכען מזל-טוב
י. באראן, . גוטערמאן, מ. שפיגוואק.

קאלאניזאציע פון מיטעל-שטאנד אין ארץ-ישראל

ערד-שטחים אין דארף און בוי-פלעצער אין שטאדט און פאר-שטאדט.—הייזער-בוי. וואוינונגען אין קאאפעראטיווע הייזער.
האנדווערקער-ווארשטאטען.—מיטעלע און קליין-אינדוסטריע.

אלערליי אינפארמאציעס ערטיילט אין טשענסטאכאוו אין נאמען פון דער

פויליש-ארץ-ישראל׳דיגער קאאפעראטיווער באנק

י. טשענסטאכאווסקי, אלעע 61 טעגליך פון 7—3 אזו.

Księgi handlowe

prowadzi długoletni buchalter - bilansista z wyższym wykształceniem handlowym. Ceny przystępne. Wiadomość tel. 14-14.

HALLO WIELUŃ

דאס **ניי-געעפענטע שיך-געשעפט**
י. מ. טאביאש, נארוטאוויטשא 15
עמפפעהלט די עלעגאנטסטע און דויערהאפטסטע
דאמען, מענער און קינדער-שיך פון לעצטער מאדע.
זעהר צוגענגליכע און ביליגע פרייזען.
רעעלע בעהאנדלונג. קומט און איבערצייגט אייך

דאנקזאגונג.

דער אקושערקע, פרוי ר. לאנדסבערגער דריקען מיר אויס אונזער הערצליכסטען דאנק פאר איהר גוטע און זארגפעלטיגע בעהאנדלונג ביים געבורט פון אונזערע קינדערלעך.
זלמן פאוולאוויטש און פרוי
הירשל פאוולאוויטש און פרוי
ווילון.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

צום פריהלינג-סעזאן
מיר נעמען אן צו וואשען **קראגענס** מיט לאנג - דויערענדע שפיגעל-גלאנץ ווי אויך **כעמיש** צו ריינינען און צו פארבען אלערליי קליידונג. גארדינען צו וואשען און צו שפאנען.
ספעציאליטעט: 1) פארבען לעדערנע קורטקעס 2) דעמאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען).
אכטונג: פלעקען וועלכע ארויסגענומען אויס׳ן פרט פ׳ודערען אויך אנגענומען באגאזין-העמדער צום פרעסען אלץ צו ביליגע פרייזען.

SZKOŁA TAŃCÓW baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym

ul. Waszyngtona № 6.

Zapisy na lekcje kompletowe i pojedyncze.
codziennie od 10—21

אכטונג: שבת, ד. 8 יאנואר און יעדע שבת פראקטישע לעקצ׳ע פאר יודישער געזעלשאפט.
אנהויב 8 אווענד. — ערשטקלאסיגע מוזיק.

Proszek od BÓLU GŁOWY
KOWALSKINA
DLA DOROSŁYCH ZE ZN. FABR.
stosuje się również
PRZY PRZEZIĘBIENIU GRYPIE i KATARZE

דעם פערוואלטונגס-מיטגליד ה׳ דוד קאניעצפאלער
צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זיין ברודער
פינטשע נ״ע
דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
די פערוואלטונג פון טישלער-צעך און הילפס-קאסע.

אונזערע ליבע פריינד ה׳ הערמאן יאקובאוויטש
און פרוי צוליעב׳ן טויט פון זייער פאטער און שווער, נ״ע **שמעון זינגער**
דריקען מיר אויס אונזער הארציגסטען מיטגעפיהל.
ווילון. משה יודקעוויטש און פרוי

אונזער פריינד הערמאן יאקובאוויטש און פרוי
צוליעב׳ן פערלוסט פון זייער פאטער און שווער, נ״ע **שמעון זינגער**
דריקען אויס דעם הארציגסטען מיטגעפיהל
סאבעלמאן און פרוי

אונזער ג׳ סעקרעטאר ה׳ הערמאן יאקובאוויטש
און פרוי צום טויט פון זייער פאטער און שווער נ״ע **שמעון זינגער**
דריקען מיר אויס דעם הערצליפסטען מיטגעפיהל.
פערוואלטונג פון האנדווערקער-פעראיין
" " בוי-צעך
" " בעקער-צעך
" " נאדעל-צעך, ווילון.

CESIA SZAJA
SZYMON SZTAJNHART

ZARĘCZENI
Częstochowa, w styczniu 1938 r,

סל מלא ברכות ובתוכם ברכת מז״ט מושיטים את שא״ב מר **שמשון שטינהרט**
לארושיו את העלמה מרת **צעשא שאיא**
יהא רעוה שיהא קשרכם קשר של חזקה
מרדכי טענדלער ורעיתו

צו די תנאים פון אונזער שוועסטער און שוועגערין **צעשא שאיא** מיט
ה׳ **שמשון שטיינהארט** א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט
ווינשען: משה שידלאווסקי און פרוי
מאיר קאהן און פרוי.

Z intencji zaręczyn p. CESI SZAJÓWNY z panem SZYMSIĄ SZTAJNHARTEM życzy dużo szczęścia i wiecznego zadowolenia

J. BARON

את חברנו **שמשון שטיינהארט**
לאירושיו את בחירת לבו **צעשא שאיא**
הננו מברכים בברכת מזל-טוב חמה ונלבבה
יהושיע טענדלער, זלמן וועלטאן

די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה פון אונזער אונפערגעסליכען

נ״ע זינדל הכהן ביבער

וועלכע איז פארגעקומען מיטוואך דעם 5-טען סטיטשען 1938 (ג׳ לחודש טבת תרצ״ח) איבערהויפט דער געזעלשאפט „אחיעזר" דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען דאנק

די אין טיפעי טרויער פערבליבענע

פרוי, קינדער און פאמיליע

מיינע שותפים ה״ה **אברהם** און **הירשל פרידמאן**
צוליעב׳ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען ברודער

נ״ע יעקב

דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
יחזקאל אפמאן

אונזער הארציגסטען פריינד **הירשל פרידמאן** און **פאמיליע** צוליעב׳ן טויט פון זייער ברודער

יעקב נ״ע

דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
אברהם ערליך און הירשל אפמאן

מיר נעמען אנטייל אין צער פון די **ברידער פרידמאן**
צום טויט פון זייער ברודער

נ״ע יעקב

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
פירמא יאקוב גוטמאן פילסודסקי 35

Naszym Szefom, **Braciom Frydman**, z powodu przedwczesnego zgonu Ich nieodżałowanego brata

b. p. JAKUBA

składa wyrazy szczerego współczucia

Personel biura f-my „Widłoram".

מיינע פריינד, די **ברידער פרידמאן** און **פאמיליע** צוליעב׳ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען ברודער

יעקב נ״ע

דריקט אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
ישעיה דונסקי.

דער זיבעצנטער יאָהרגאַנג

מיט'ן היינטיגען נומער טרעט די „טשענסטאכאווער צייטונג" אריין אין זיבעצנטען יאהר פון איהר עגזיסטענץ.

17 יאהר אין מענשליכען לעבען שפּיעלט אויך א גרויסע ראָלע, מכל־שכן ביי א צייטונג, און נאָך דערצו א יודישע.

די לעצטע יאהרען, ווען אויף יודען האבען זיך אָנגעהויבען שיטען צרות פון אלע זייטען, האט די יודישע צייטונג א דאָפּעלטע ראָלע. פון איין זייט אינפאָרמירט זי וועגען די אלע געשעהענישען און פון דער צווייטער זייט מוז זי האַלטען אין איין מינטערען די פערצווייפעלטע יודישע עדה נישט צו פערלירען דעם מוט, אדורכצוהאלטען די צרות, כדי צו דערלעבען בעסערע גליקליכערע צייטען.

ווי שווער עס איז צו פיהרען א יודישע צייטונג אין די היינטיגע צייטען און דערצו אין א פּראָווינץ־שטאָדט, קאָן וויסען נאָר דער יעניגער, וועלכער ארבייט אַקטיוו אין דער צייטונג.

אָרום און אָרום איז חושך, די זאָפּט אריין אין זיך דעם גאנצען גרויל, א שטורם פון זגריזאָטע און וועהטאג בושעוועט אין דיין הארצען, דו ווילסט ארויסברענגען דיין פּלאָמיגען פּראָטעסט אין דער עפענטליכקייט, דו ווילסט שליידערען דער וועלט איהר רשעות אין פּרצוף אריין, נאָר אָפט מאָל מוזטו דערשטיקען אין דיר דעם צאָרן. און יעדעס וואָרט מוז געוועגען געוואויגען און געמאָסטען.

נישט בעסער איז מיט אונזערע יודען גופא. זיי וואָלטען געוואָלט פון דער צייטונג אַלעס. כסדר האט מען צו איהר פּרעטענציעס, הלמאי זי קריטיקירט נישט די אָדער יענע געשעהעניש און לויבט נישט דאָס, וואָס איהם, דעם לעזער, דאַכט זיך אויס דאַרף געלויבט ווערען. עס זאָל זיך עמיצער אָבער אינטערעסירען מיט דער צייטונג גופא, ווי אזוי זי האַלט זיך אויס, דאָס פאַלט קיינעם נישט איין.

די „טשענסטאכאווער צייטונג", וועלכע איז די נאָכפאָלגערין פון „טשענסטאכאווער טאָגעבלאָט", וואס איז געגרינדעט געווארען נאָך עטליכע יאהר פאַר דער מלחמה, האט אדורכגעמאכט פרעהליכע און נאָך מעהר טרויעריגע צייטען, אין דער צייטונג שפּיגעלט זיך אָב אַלץ, וואס קומט פאָר אין יודישען לעבען.

פּאַקטיש שטעהען מיר שוין העכער 25 יאָהר ביים ווארשטאט פון דעם עפענטליכען וואָרט אין טשענסטאָכאָוו. מיר האבען אונזער בלוט און מאַרך געווידמעט דער עפענטליכער טריבונע אין אונזער שטאָדט. מיר האבען זיך בעמיהט איהר אבצוגעבען אונזער גאַנצען מהות און צום זיבעצעהנטען יאָהרגאנג פון דער „טשענסטאָכאָווער צייטונג" קומען מיר צו דער יודישער געזעלשאַפט אין טשענסטאָכאָוו מיט דעם אָפּעל אונז מיטצוהעלפען, אַז מיר זאלען קאָנען ווייטער דינען דעם פּוילישען יודענטום בכלל און די יודישע בעפעלקערונג אין אונזער שטאָדט בפרט.

שווער, אונגעהויער שווער, איז די היינטיגע צייטען צו פיהרען א צייטונג. וואס־וואס, נאָר קיין נחת האט קיין יודישער צייטונגס־שרייבער זיכער נישט. די איינציגע מאָראַלישע פערגיטיגונג איז כאָטש ווען מען זעהט, אַז די לעזער האבען א בעציהונג צו זייער צייטונג צו דער עפענטליכער טריבונע.

מיר טרעטען אריין אין זיבעצענטען יאהרגאנג פון דער טשענסטאָכאָווער צייטונג". מיר ווייסען גאנץ גוט, אַז אונזער וועג איז גישט מיט קיין רויזען בעלייגט. אַ שווערע, פעראנטוואָרטליכע און נישט־דאנקבארע און אָפט מאָל מיט סכנות נפשות איז אונזער אַרבייט, אָבער טערפאַלען, אַזוי איז שוין דער גורל. און אלס אלטע טרייע סאָלדאטען, וועלכע זענען שוין אדורכגעגאנגען אין פייער און אין וואסער ביי דער דאָזיגער אַרבייט, ווילען מיר האָפען, אַז מיר וועלען ווייטער קענען דינען טריי און ערליך אונזערע אויפגאבען, אונזער שווערע קרבנות'פולע ארבייט, ביי דער מיטהילף פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג אין אונזער שטאָדט.

נאָר דאס איינציגע גיט אונז ווייטער מוט זיך צו שטעלען ביים ווארשטאט פון אונזער קוזשניע און צו שמידען דאס לעבעדיגע וואָרט צום גינסטען פון דער טשענסטאָכאָווער יודישער געזעלשאפט.

ש. פראַנק

קורצע ידיעות פון דער וואָך

— היטלער'ס בעזוך אין דאַנציג, וואס איז געפלאַנט געוואָרען אויף מיטען יאַנואַר וועט נישט צושטאַנדקומען צוליעב דעם, וואס די דאַנציגער מאכט קאָן נישט גאראַנטירען די זיכערהייט פון היטלער'ס פערזאָן.

— עס האבען זיך פערשפּרייט קלאַנגען, אַז אין מאָסקוואַ איז ענטדעקט געוואָרען אַ פערשווערונג פון אָפיצירען געגען סטאַלין'ען. אַ סך העכערע אָפיצירען זענען, אין צוזאמענהאנג מיט דער דאָזיגער פערשווערונג, אַרעסטירט געוואָרען דורך דער ג. פּ. או.

— אין סטאראוויעס, נאָוואָסאָנדעצקער קרייז, איז ענטדעקט געוואָרען אין דער טיעף פון 200 מעטער אַ נייער קוואַל פון נאַפט מיט אַ גרויסען פּראָצענט בענזין.

— די גרעסערע דייטשע פירמעס, וועלכע האבען אָבטיילונגען אָדער פערטראָטונגען אין פּוילען רעדוצירען לעצטענס אַלע יודישע אַנגעשטעלטע און פאָרשטעהער. אַזאַ „רעאָרגאַניזאַציע" האט לעצטענס אדורכגעפיהרט די פירמע י. ג. פאַרבען אינדוסטריע א. א.

— דער געזעץ פּראָיעקט פון סיים הינגען אָבשאַפען דעם לאָקאַטאָרען שוץ האט אָנגענומען אויף אַ שטאַרקע געגנערשאַפט אין סענאַט, וועלכער האט מיט אַ מעהרהייט פון 42 שטימען גענען 24 בעשלאָסען דעם געזעץ פּראָיעקט צו ענדערן. דער לאָקאַטאָרען־שוץ ווערט דערהאַלטען. ביז 1939 בלייבט די לאַגע ווי ביז - איצט. פון יאַנואַר 1939 וועט דאס דירה־געלד געהעכערט ווערען מיט דריטהאַלבען פּראָצענט יעדען קוואַרטאל ביז עס וועט דערגעהן צום פאַר'מלחמה'דיגען צושטאַנד. דער דאָזיגער פּראָיעקט וועט איצט צוריקגעהן אין סיים, וועלכער וועט בעשליסען וועגען זיין גורל.

אויף איינער פון די קאַטאָוויצער גאַסען איז בעפאלען און מערדעריליך צושלאָגען געוואָרען דורך אַ גרופּע יוגענדליכע כוליגאַנעס דער קאַטאָוויצער ראַבינער דר. פאגעלמאַן. די קהלה האט וועגען דעם העסליכען אָנפאַל אינטערווענירט אין דער סטאַראָסטווע.

— אין עלטער פון 70 יאָהר איז אין פאַריז געשטאָרבען דער בעקאַנטער באַנקיר און פאַרזיצער פון צענטראַל־ראַט פון „אָרט" העברי באַדענהיימער.

— דער פאָרזיצער פון דער אונגאַרטייאישער אַנטי־נאַצי־ליגע אין אַמעריקאַ האט ארויסגעשיקט אַ דעפּעשע צום רומענישען פּרעמיער גאגאַ, מיט דער דראָהונג צו פּראָקלאַמירען אַ בּאָיקאָט־אַקציע געגען רומעניען, אויב די ראַסיסטישע פּראָיעקטען פון דער רומענישער רעגירונג וועלען פערווירקליכט ווערען.

— די זשענעווער פאָרשטעהער פון דעם יודישען וועלט־קאָנגרעס האבען זיך געשטעלט אין פערבינדונג מיט די אויסערן מיניסטעריום'ס אין פאַריז, לאָנדאָן און וואַשינגטאָן, כדי צו לענקען זייער אויפמערקזאַמקייט אויף דער איצטיגער לאַגע פון די יודען אין רומעניען, וואס האט זיך געשאַפען צוליב די אַנגעקינדיגטע אַנטיסעמיטישע געזעצען, וועלכע זענען אַ פערגוואַלדיגונג פון די בעשטימונגען פון דעם מינדערהייטען טראַקטאַט פון יאָהר 1919. עס ווערט ערוואַרט, אַז דער דאָזיגער ענין וועט בעטראַכט ווערען אויף דער נאָהנטסטער סעסיע פון דעם פעלקער־בונד־ראַט.

— אין פערשידענע פונקטען פון א"י איז ווידער אויסגעפיהרט געוואָרען אַ רייהע טעראָר־אַקטען. עס איז אויך בעשאָסען געוואָרען די ארץ־ישראל'דיגע ראַדיאָ־סטאַציע, דערביי איז שווער פערוואונדעט געוואָרען דער יוד לוי יעקב.

— די מיליטערישע געריכטען אין ארץ ישראל האבען ארויסגעטראָגען עטליכע טויט־אורטיילען אויף אראבישע טעראָריסטען. א טייל פון זיי איז בעשטעטיגט געוואָרען דורך דעם הויפּט־אָנפיהרער פון די בריטישע קרעפטען אין א"י גענעראַל וועיוועל.

— אויפ'ן וועג פון יפו קיין ירושלים איז בעשאָסען געוואָרען דורך טעראָריסטען א ירושער אויטאָבוס. א יודישער פּאַסאַזשיר, יחיאל אפרוני איז שווער פערוואונדעט געוואָרען און דאָן פון די וואונדען געשטאָרבען.

— די גאַנצע יודישע וועלט איז שטאַרק בעאונרוהיגט צוליעב די ראַסיסטישע פּעראָרדנונגען פון דער נייער רעגירונג אין רומעניען. דער קרייצוג געגען יודען אין רומעניען נעמט אָן אַלץ שאַרפערע פאָרמען. די רעגירונג איז צוגעטרעטען צו נאַציאָנאַליזירען אַ רייהע פאַבריקען, וואס געפינען זיך אין רשות פון יודישע אייגענטימער. עס האַלט אויך ביי אַ פערבאָט פאַר יודען צו פערקויפען מאָנאָפּאָל־אַרטיקלען צו פערנעהמען זיך מיט האַנדעל אין די דאָרפישע גמינעס אאוו.

דער ארבייטס־מיניסטער קוזאַ האט ארויסגעגעבען אַ פערבאָט פאַר יודען צו בעשעפטיגען רומענישע דינסטען אונטער 40 יאָהר. עס זענען אָבגעשטעלט געוואָרען אַלע רומענישע צייטונגען, וועלכע האבען בעשעפטיגט יודישע מיטאַרבייטער.

דער פּרעמיער גאָגאַ האט אויפגענומען אַ יודישע דעלעגאַציע אין די פערזאָנען פון די פיהרער פון דער יודישער פּאַרטיי אין רומעניען: ד"ר פישער און ד"ר זינגער, וועלכע ער האט ערקלערט, אַז די רעגירונג וועט נישט דערלאָזען צו קיין עקסצעסען. בנוגע פּאָליטישע פראַגען האט דער פּרעמיער אָבגעשיקט די דעלעגאַציע צום מיניסטער, וואס פערנעמט זיך מיט ענינים פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען.

— אין פאַריז ווערט דורך דער פעדעראַציע פון די יודישע געזעלשאַפט צוגעגרייט אַ גרויסער פּראָטעסט־מיטינג געגען דער פערלעצונג פון די יודישע רעכט אין רומעניען.

— די ים קאָמיסיע ביים עקזעקוטיוו פון דער יודישער אַגענץ האט בעשלאָסען צו גרינדען א ים־שולע ביים חיפה'ער טעכניקום. די יודישע ים־ליגע האט פאַר דער נייער שולע בעשטימט א סובווענץ פון 1 טויזענד פונט יערליך.

רעמאַנענט...

קליינער פעליעטאָן

היות ווי אַלע גרויסע און קליינע סוחרים, פאַבריקאַנטען און פאַבריקאַנטלען, מאַכען צום ניי־יאָהר א רעמאַנענט, ד. ה. זיי צעהלען אָן, ווי עס האַלט מיט'ן סך הכל פון זייער פערמעגען, צי זיי האבען פערדינט, אָדער זיי האבען דערלייגט, האַבען מיר אויך בעשלאָסען צו מאַכען אַ שטיקעל רעמאַנענט, אַ סך הכל פון אונזער פערמעגען און פערלוסטען.

כ'וויים פון פריהער, אַז ווען מיר זאָלען מאַכען אַ געגויען רעמאַנענט, ד. ה. אַז מיר זאָלען בעטראַכטען יעדעס שטיקעל סחורה, וואס מיר פערמאָגען אין אונזער יודישע קראָם, וואָלטען מיר נישט פטור געוואָרען ביז'ן צווייטען יאָהר סטיטשעו, וואָרום מאַסען אַרטיקלען געפינען זיך אין אונזער בעזיץ און אויף איין פעליעטאָן וואָלט עס בעשטימט געווען צופיעל... ווילען מיר דעריבער מאַכען אַן'אויבערפלעכליכען רעמאַנענט, נאָר דאָס, וואס מיר וועלען געדענקען אויפ'ן קאָפּ אָדער דאָס, וואס ס'וועט אונז קומען אונטער דער האַנד...

קודם־כל וועלען מיר פעסטשטעלען, אַז מיר פערמאָגען 16 און אַ האַלבען מיליאָן שטיק סחורה, וואס זענען פערשפּרייט פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערען־ אומעטום, וואו אַ מענשליכער פוס קומט נאָר צו, וועט זיך שטענדיג געפינען אונזער פּראָדוקציע, וואס לאָזט זיך נישט איבעראַנדערשען. דער אונטערשיד איז נאָר, וואס נישט אומעטום איז אונזער סחורה גאַנגבאַר.

פערהאַנען לענדער, וואו מיר זענען גלייכבערעכטיגט מיט אַלעמען צוגלייך און ס'זענען אויך פערהאַנען לענדער, וואו מען בעטראַכט אונז פאַר אַ באַבעל און מען וואָלט פון אונז גערן פּטור געוואָרען.

א קליינער סך הכול.

אין פראַנקרייך האבען מיר נישט קיין גרויסען טראַנספּאָרט סחורה, דערפאַר אָבער האַלט מען דאָרט פון אונז נאָר שטאַרק. וואס דאַרפט איהר מעהר, אַז דער אָנפיהרער פון דער מלוכה איז געווען אונזערס א פערטרעטער און נאָך ביז היינט איז ער דער וויצע־פּרעמיער פון דעם גרויסען פרייהייטס־לאַנד, אַזוי אַז דאַנקען גאָט צו פראַנקרייך האבען מיר נישט צוגעלייגט און אשר איז נאָך דאַ א שטיקעל ריוח.

דאָס זעלבע איז אין ענגלאַנד. אויך דאָרט האבען מיר נישט קיין גרויסע טראַנספּאָרטען פון אונזער סחורה, דערפאַר אָבער האבען מיר א גוטע פערטרעטונג... אונזערס א חברה־מאַן איז דאָרט אפילו קריגס מיניסטער, אויך די איבריגע סחורה וועט דאָרט גערן געזעהן און מען האט זיך נישט צו בעקלאָגען אויף קיין דעפיציטען.

וואס עס טהוט זיך אין רוסלאַנד, וואו ס'זענען איבערגעבליבען גרויסע טראַנספּאָרטען סחורה, האבען מיר נישט קיין שום ידיעה. די פּאָסט פערבינדונג איז קאַליע געוואָרען שוין א לענגערע צייט און דעריבער וועלען מיר ליידער פון די דאָרטיגע עסקים אונזערע נישט קאָנען מאַכען קיין רעמאַנענט.

דערפאַר האבען מיר גרויס נחת פון אונזער אמעריקאַנער פערטרעטונג. אונזער סחורה איז דאָרט זעהר גאַנגבאַר. הגם מיר האבען דאָרט אונגעהויערע טראַנספּאָרטען־עפּעס מעהר ווי 4 מיליאָן, פונדעסטוועגען זענען זיי נישט ביי קיינעם גרויס אין די אויגען. אויסער דעם וואס מיר האבען אונזערס א פינאַנס מיניסטער אין דער אמעריקאַנער רעגירונג, זענען אַלע איבריגע ברידער באמת גלייכבערעכטיגטע בירגער פון לאַנד. אויך אויף די געשעפטען האבען מיר זיך נישט צו בעקלאָגען, הלואי אויף דער גאַנצער וועלט, וואו מיר זענען נאָר פערהאַנען (און וואו זענען מיר נישט) געזאָגט געוואָרען. פערקעהרט, די אַמעריקאַנער פערטרעטונג אונזערע דעקט א סך דעפיציטען, וואס מיר האָבען אין אַנדערע לענדער. און זאָל מען זאָגען גאַנץ אָפען: ווען נישט אמעריקא, וואָלטען מיר א סך ערגער געהאַלטען מיט אונזער גאַנצען קיום.

אויב מיר האבען נאָך נישט אינגאַנצען פערלוירען די האָפנונג, אויב מיר זענען נאָך נישט באַנקראָט, האָבען מיר עס טאַקי נאָר אמעריקאַ צו פערדאַנקען.

אין מלכות הרשעה, ביי די עמלקים, וואס רופט זיך דאס דריטע רייך, האָבען מיר ביז נישט לאַנג אויך געמאַכט נישט שלעכט, כאָטש מיר האבען דאָ"ט געהאַט צו אונזער פערטרעטונג א פּרעטענציע, וואס זי ארבייט אונטער אַנדערע פירמעס און די איינענע פירמע האט זי בעדעקט מיט פרעמדע שולדען. אויף פּרנסה דאַגעגען האט מען זיך נישט געהאַט צו בעקלאָגען. די לעצטע פאַר יאָהר אָבער איז דאָרט דאס גאַנצע געשעפט קאַליע געוואָרען. אמת טאַקי, אַז מען האט דערפיהרט, דאס מיר זאָלען ארבייטען אונטער דער אייגענער פירמע, דערפאַר אָבער האט מען אונז די פּרנסה צוגענומען און געמאַכט אונמעגליך דאָרט צו עגזיסטירען. און כל זמן עס וועט אָנהאַלטען דער דאָזיגער קורס, וועלען מיר דאָרט קיין געשעפטען מעהר נישט קענען מאַכען, סיידען עס וועט זיך דאָרט ענדערען די לופט, וואס מיר האָפען, אַז עס וועט בקרוב געשעהן. דערוויל אָבער לעבען מיר דאָרט איבער א דעפיציט.

דעם ביישפּיעל פון דריטען רייך מאַכטוועט נאָך די רומענער. אויך דאָרט, וואו מיר האבען קיינמאל נישט געלעקט קיין האָניג, איז איצטער נאָך ביטערער געוואָרען. מען לאָזט אונז נישט פיהרען קיין געשעפטען, מען קאָן פשוט אונזער פּראָדוקציע נישט אַנקוקען, כאָטש אויך דאָרט, פונקט אַזוי ווי אין דייטשלאַנד, האט אונזער פירמע ארייגעלייגט ממון און דמים, בעזייכערענדיג דאס לאַנד מיט אונזער ענערגיע, כח און מאַרך. פערפאַלען, מוז מען דערוויל ליידען, האָפענדיג אַז דער איצטיגער דעפיציט וועט אמשר נאָך אַמאָל—און זאָל מען האָפען בקרוב —ברענגען ריוח.

אין א רייהע לענדער, ווי בראַזיליען, אַרגענטינע, קאַנאַדע, אויסטראַליען ווי אויך אויפ'ן ווייטען מזרח, איז פערשידען. אַמאָל האבען מיר ריוח און אַמאָל דעפיציט, כאָטש אין אַלגעמיין גענומען קאָן מען זיך נישט בעקלאָגען, הלואי אומעטום נישט ערגער.

ערשט פאַר א פאָר יאהר צוריק האבען מיר פערלייגט א נייע פערטרעטונג אין ארץ ישראל, דאָרט, וואו מיר האבען מיט העכער דריי טויזענד יאהר צוריק געגרינדעט אונזער פירמע. פשוט'ער געזאָגט—דאָרט, וואו מיר זענען געבוירען געוואָרען און איבער א רייהע סיבות האבען מיר געמוזט אויסוואַנדערען. הכלל מיר האבען דאָרט צוריק פערלייגט אונזערס אַן'אָבטיילונג און דעם אמת מוזען מיר זאָגען, אַז מיר האבען פאַר דער דאָזיגער אָבטיילונג אוועקגעגעבען א סך מיה און ענערגיע, אויסער וואס עס האט אונז אָבגעקאָסט אַן'אוצר מיט געלט, גאָר א סך געלט. לכתחילה איז עס געגאַנגען גאַנץ נישט קשה'דיג און ס'האט זיך געקאָנט אויסדאַכטען, אַז פון דער אָבטיילונג וועלען מיר האָבען נחת, אַזוי אַז מיט דער צייט וועלען מיר קאָנען דאָרט איבערטראָגען אונזער הויפּט לאַגער. אַלץ האט געפיהרט דערצו; מיר זענען געווען זיכער, אַז —אָט־אָט וועט אונזער חלום מקוים ווערען, נאָר פּלוצים האבען אונזערע קאָנקורענטען, וועלכע האבען אויך געוואָלט פערכאַפּען דעם פּלאַץ, אָנגעהויבען מיט אונז א קאַמף אויף לעבען און טויט, אַזוי אַז זיי מאַכען אונז דאס בלוט קאַליע און דאס קאָן גורם זיין, דאס מיר זאָלען אויך אין דאָזיגען לאַנד, מיט וועלכען עס זענען פערבונדען אונזערע חלומות און האָפנונגען, חס ושלום ליידען א דעפיציט.

וועגען אונזער אָבטיילונג דאָ אויפ'ן אָרט איז א סך צו רעדען. מיר האבען דאָ אַן'אַלטע אָבטיילונג, וועלכע צעהלט שוין א טויזענד־יעהריגע עקזיסטענץ, אויך דאָ האבען מיר א סך אויפגעטהון, דאָ האבען מיר ענטוויקעלט דאס געשעפט אויפ'ן ברייטען שטייגער און נישט מיר אליין האבען געצויגען חיונה פון אונזער ענערגיע און אונטערנעהמונגס־גייסט, נאָר אויך אַנדערע, די ארומיגע סביבה האט זיך דערפון דערנעהרט. דעם אמת זאָגענדיג, האבען מיר געהאט אי גוטע אי שלעכטע צייטען. די לעצטע יאהרען אָבער, זינט אונזער מלוכה איז געוואָרען בעל הבית פאַר זיך, זענען מיר געווען זיכער, אַז אונזער געשעפט וועט זיך נאָך בעסער ענטוויקלען. זענען מיר דאָך דאָ עפּעס אַלטע תושבים מיט א טראַדיציע. אָבער אויך די האָפנונג האט אָבגענאַרט, אויך דאָ זענען מיר פּלוצים געוואָרען גרויס אין די אויגען און מען פערגינט אונז נישט דעם ביסען, וועלכען מיר בעקומען ארויס מיט בלוט און שוויס.

מיר פיהרען אפילו א הארטנעקיגען קאַמף, מיר לאָזען זיך נישט בעקעמפען, מיר זענען דאָ איינגעוואָרצעלט אין דער ערד מיט אונזער גאַנצען לעבען, אין א קאַמף אָבער ווייסט מען קיינמאָל נישט אויף וועמענס זייט עס וועט זיין דער נצחון, כאָטש דער אמת איז מיט אונז, מיר האבען א גערעכטע טענה. אין די היינטיגע צייטען אָבער געווינט נישט אַלעמאָל דער, וועלכער איז גערעכט.

כדי צו פערפעסטיגען אונזער פּאָזיציע, ווילען מיר שאַפען אַזאַ יורידישען ראַט המכונה קאָנגרעס פון די פּוילישע יודען. נישט אַלע שותּפים אָבער פון דער פּוילישער אָבטיילונג זענען דערצו מסכים. עס זענען פערהאַנען שטאַרקע חלוקי־דעות. די עקסרעכטע און די עקס לינקע האַלטען, אַז דאס איז נאָר א טריק פון א געוויסער גרופּע פערטרעטער, וועלכע ווילען אויסשפּילען זייער פּאָליטיק און זיי ווילען זיך דעריבער אין דער דאָזיגער אַקציע נישט בעטייליגען. וואס פון דעם וועט ווערען, וועלען מיר ערשט זעהען. קיין רעמאַנענט פון דעם, וואס עקזיסטירט נאָך נישט, קאָן מען נישט מאַכען.

אָט, רבותי, האבען מיר געמאַכט א שטיקעל רעמאַנענט פון אונזער פערמעגען, כאָטש, ווי כ'האָב באַלד אין אָנהויב בעמערקט, וועט דאס נישט זיין קיין אויסשעפּענדער רעמאַנענט, אַזוי ווי עס איז אָבער ניי־יאָהר, האָבען מיר כאָטש פאַר יוצא־וועגען געמאַכט דעם קליינעם רעמאַנענט...

סמאל

דערוואַכונג נאָך א בייזען חלום?

פון ד"ר יעקב וויגאָדסקי

אין האָב די טעג געלייענט, אז א מאַסגעבענדיגער מיניסטער זאָל האָבען געזאגט, אז די „איבערפולטקייט פון דאָרף" מוז בעקעמפט ווערען אין דאָרף גופא דורך אינטענסיפיצירען די לאַנדווירטשאַפט!... די „איבערפולט-קייט" פון דאָרף לאָזט זיך אויס איז א פועל יוצא נישט פון די כלומרשט יודישע „פערכאַפּער", נאָר פון דער נידריגער לאַנדווירטשאַפטליכער קול-טור אין פוילען! מען מוז הויבען די פּראָדוקציע פון דער ערד אין פוי-לען און דאַמאָלט וועט די לאַנדווירט-שאַפט קענען אויסהאַלטען א סך גרע-סערע צאהל מענשען, ווי איצט; ס'וועט דאַן מיט איין קלאַפּ אויפהערען צו שטיקען די „דחקות" אי אין שטאָדט, אי אין דאָרף! מען וועט אויך קענען אויפהערען דעם שפּיל מיט דעם יודי-שען סטראַגאַן און דער „עקאָנאָמישער" קאַמף געגען דעם יודישען האַנדעל וועט קענען אַנגעהמען די נאָרמאַלע פאָרמען פון א געזונדער קאָנקורענץ צווישען פערשידענע גרופּירונגען אין דעם פּוילישען האַנדעל גופא. אַזאַ עהרליכע קאָנקורענץ ברענגט דעם מלוכה האַנדעל נאָר א מזל-ברכה אין דער פאָרם פון א פּראָגרעסיווער ענ-טוויקלונג...

ס'פערשטעהט זיך, אז דערצו מוזען צוגעגעבען ווערען, ערשטענס, די אַג-ראַר-רעפאָרמען, ווייל אָהן ערד וועט ביים פויער נישט זיין וואָס צו אינ-טענסיפיצירען, און צווייטענס, די אינ-דוסטריאַליזאַציע פון דעם גאַנצען לאַנד... דאָס האָבען מיר דאָך גע'טענה'ט און געמאָהנט שוין מיט פיעל יאָהר צוריק, דער אנטיסעמיטיזם האט אָבער אָיאַבגעשלעפּט די מלוכה-מענער און די געזעצגעבערישע קערפערשאַפטען, פון דעם וועג—און האט זיי אריינגע-שלעפּט אין דער בלאָטע פון דער עקסטערמינאַציע-פּאָליטיק געגען יודען. די לעצטע האט גאָר געקענט נאָכ-מעהר פערערגערען די לאַגע פון דעם פויער און אזוי איז דאָס טאַקע גע-ווען... אויף אזא אופן, און נאָר אויף אזא אופן, וועט קומען די ישועה אין דאָרף.

אויב אָבער מען וועט אבזאגען זיך פון דער ענדעקישער דעמאַגאָגיע מיט איהר עקסטערמינאַציע-פּאָליטיק לגבי יודען און אויב מען זאָל זיך נעהמען ערנסט פאַר דער אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד און פאַר דער ענטוויקלונג פון האַנדעל, אויסנוצענדיג דערביי אלע נישט-יודישע און יודישע כחות אויף דעם יושר'דיג-דעמאָקראַטישען אופן,—דאַן וועלען דער האַנדעל און אינדוסטרי אין פוילען פערלירען זייער אָבגעשטאַנענקייט, וועלען זיך מאָדער-ניזירען און וועלען ווערען קאָנקורענץ פעהיג אויף דעם וועלט-מאַרק.

דאַן וועט קומען די ישועה אויך אין שטאָדט!... געהט מען מיט דעם דאָזיגען איינציגען וועג אויף אויס-צובעסערען די טרויעריגע לאַגע פון דער פּוילישער באַלעבאַטישקייט, געהט מען מיט דעם דאָזיגען איינציגען וועג פון הייבען אין פוילען דעם נידריגען ניוואָ פון דער מאַטעריעלער און גייס-טיגער קולטור—פערשווינדט קודם כל דער געפיהל פון דער כלומר'שטער „דחקות", פון דער כלומר'שטער „אי-בערפולטקייט" פון דער בעפעלקערונג בכלל און פון דער דאָרפישער בע-פעלקערונג בפרט. ווען מען זאָל ערנסט און ענטשלאָסען געהן מיט דעם אוי-בענדערמאַהנטען וועג, דאַן וועט אין פוילען קלעקען אָרט פאַר אַלעמען! דאַן וועט מען זיך אויסלערנען אויך אין פוילען צו קאָנקורירען מיט יודען גלייך אויף גלייך אָהן קיין שום הנחות און פּריווילעגיעס פאַר נישט-יודען!...

געוויס פאָדערט אַזאַ מין לעזונג פון דער קולטור-פראַגע און פון דער יודען פראַגע אין פוילען, וועלכע זע-נען צווישען זיך ענג, זעהר ענג פער-קניפּט,—זעהר פיעל צייט, אָבער דער גרויסער ערפאָלג און דער גלענצע-דער עתיד פון דער מדינה זענען דער-ביי געזיכערט...

ס'וועט דאַן פערשווינדען ווי א בייזער חלום דער ווילדער פּלאַן פון פערטרייבען יודען פון פוילען אָדער ווי מען פערפּוצט עס מיט אַנ'איירא-פּעאישען ווארטעל, פון יודישער מאַ-סען עמיגראַציע, ווייל די יודען זענען גאָט די נשמה שולדיג אין די אלע צרות, וואָס זענען דאָ אין פוילען, אָהן דער יודישער קאָנקורענץ וואָלט די עקאָנאָמישע און ווירטשאַפטליכע לאַגע אין פוילען געווען א סך ער-גער!...

די לאַגע פון פויזען, אויף וועלכע די אנטיסעמיטען האָבען האָלט זיך אזוי אָפט צו פעררופען, דערווייזט לחלוטין גאָרנישט, ווייל פּויזען פער-דאַנקט איהר העכערע ווירטשאַפטליכע קולטור איהר פאַר'מלחמה'דיגער אָנ-געהעריגקייט צו דייטשלאַנד, ווען די דייטשע אינדוסטריע, האַנדעל און לאַנד-ווירטשאַפט האָבען זיך געפונען, א דאַנק דער עיקר די ריזיגע פערדינס-טען פון די דייטשע יודען, אין א בלי-הענדען און גלענצענדען צושטאַנד... און באמת איז דער פּלאַן פון לעזען די יודען-פראַגע אין פוילען דורך א מאַסען-עמיגראַציע ערגיץ וואו אויף א ווילדען מאַדאַגאַסקאַר אַזוי נאַריש און אזוי קינדיש, הגם נישט אָריגינעל, דאָס איך קען בשום אופן נישט פער-שטעהן, ווי קענען גאָר ערנסטע און פעראַנטוואָרטליכע „מלוכה-מענער" רע-דען מכוח דעם!

לאָמיר נעהמען א מאַדאַגאַסקאַר אָדער אַנ'אַנדער ווילדען ווינקעל, אויף צו טראַנספּאָרטירען אַהין אפילו גאָר א מיליאָן יודען — דאַרף מען — דאָך האָבען דערויף צעהנדליגער מיליאַרדען דאָלאַרען. פון וואַנען זאָל מען אזא סומע בעקומען? די „אויסלענדישע יו-דישע געזעלשאַפטען" האָבען, ערש-טענס, דערויף קיין געלד נישט און קענען גאָר נישט האָבען בדעה עפּיס וואָס צו געבען אויף אזא „אונטערנעה-מען"!... קיין געלד אויף דער עמי-גראַציע איז אַזוי אָרום נישטאָ.

ווייטער איז נישטאָ קיין פאָלק, וועל-כעס זאָל מסכים זיין צו פאָהרען אין א ווילד לאַנד. דאָרטען קרענקען און שטאַרבען פון טראָפּישע קרענק, אויס-טריקענען בלאָטעס, אויפהאַקען אור-וועלדער און שאַפען דאָרטען אַ וועלכע עס איז עקאָנאָמישע און א לאַנדווירט-שאַפטליכע קולטור פאַר... דער ווילדער אָרטיגער בעפעלקערונג, וועלכע וועט אַנהויבען צו פערטרייבען די יודען, ווי נאָר די לעצטע וועלען אויפהויבען איהר קולטור אויף א געוויסער הויך!..

אָבער לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז א מיליאָן יודען זענען אַהין איבער-טראַנספּאָרטירט געוואָרען, ווערט דען דורכדעם די יודען-פראַגע אין פוילען אפילו נאָר טיילווייז געלעזט? האט מען אין דייטשלאַנד, ביי א נישטיגער צאַהל יודען, די יודען פראַגע געלעזט? מען האט אין דייטשלאַנד נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטען נאָך א יאָהר פופציג, ביז די שאלה וועט אויף דעם אויבענדערמאַהנטען וועג און דורך דער אסימילאַציע בהרגה'דיג פון זיך אליין „געלעזט" ווערען... און מהמת דעם האט מען ח"וב געמאַכט יודען און דייטשען!...

בכלל אָבער קען זיך דוכטען, אַז מען הויבט אָן אין פוילען אזוי ווי אויסצוגיכטערען זיך פון דעם ווילדען אנטיסעמיטישען טשאַד... הלוואי זאָל דאָס זיין דער סוף פון א בייזען חלום און נישט פון אנ'אָנהויב פון א שאָק-לען זיך, וואָס קומט פון זיצען אויף צוויי שטוהלען!...

וואָס וויל דער קאָנגרעס פון פוילישען יודענטום

פאַר'ן פוילישען יודענטום שטעהט איצט די ערשטראַנגיגע אויפגאַבע: אָרגאַניזירען דעם קאָנגרעס פאַר יודי-שער זעלבסטהילף אין פוילען.

מען קען אָהן גוזמא ערקלערען, אז מיט דער ענטשטעהונג פון קאָנגרעס וועט געעפענט ווערען א נייע בלאַט אין דער געשיכטע פון קאַמף, וועלכע דאָס פוילישע יודענטום פיהרט פאַר זיינע רעכט אלס בירגער פון לאַנד און פאַר לינדערונג פון זיינע עקאָנאָ-מישע און נאַציאָנאַלע, קולטורעלע נויטען.

דאָס פערשטענדניס פאַר דער נויט-ווענדיגקייט צו נעמען זייער גורל אין זייערע אייגענע הענד איז שוין פון לאַנג וואַך און איינגעוואָרצעלט אין די מוחות פון די יודישע פאָלקס מאַ-סען. אָבער עס איז די טראַגעדיע פון דעם יודישען לעבען אין פוילען, וואָס עס איז ביז איצט נישט געלונגען צו שאַפען יענע אויטאָריטעט אַל-יודישע אינסטאַנץ, וועלכע זאָל האָבען הינטער זיך די איבערוויגענדע מערהייט פון דער יודישער בעפעלקערונג, און וועל-כע זאָל האָבען די מעגליכקייט צו בעשטימען די וועגען און אופנים פון אונזער קאַמף פאַר גלייכבערעכטיגונג און פון אונזער געזעלשאַפטליכער טע-טיגקייט.

אין די היינטיגע טעג, ווען איבער אונזערע קעפּ הולעט א שטורם ווינד פון חיה'שען אנטיסעמיטיזם, ווען מען זאגט אונז אָב די רעכט צו זיין ביר-גער פון לאַנד און צו ציהען חיונה דורך ערליכער ארבייט,—מוזען מיר מאַניפעסטירען אונזער לעבענסקראַפט, אונזער ענטשלאָסענקייט נישט שלום צו מאַכען מיט די גזרות און רדיפות, אונזער ווילען און גרייטקייט אנצוגיין ווייטער מיט'ן קאַמף פאַר אונזערע רעכט אלס מענשען, בירגער פון לאַנד און יודען.

דורך דעם קאָנגרעס וועלען מיר דעמאָנסטרירען, אז די העכער דריי מיליאָן יודען פון פוילען בילדען און ווילען בילדען איין איינהייטליכע נאַ-ציאָנאַלע געמיינשאַפט, וואָס איז טריי צו איהרע ווערטען, וואָס געדענקט אין איהרע פליכטען, אָבער, וועלכע פער-געסט אויך נישט אין איהרע רעכט, אלס בירגער פון לאַנד.

דער יודישער פאָלקס-קאָנגרעס וועט האָבען די אויפגאַבע צו קאָנסטיטואי-רען און אריינברענגען אין איין אָר-גאַניזאַציאָנעלער ראַהם דאָס פוילישע יודענטום; דער קאָנגרעס וועט דאַר-פען אויסדריקען די מיינונג פון דער געזאמטער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען וועגען איהר לאַגע, וועגען די פראַגען, וואָס שטעהען איצט אויפ'ן פּאָליטישען סדר-היום אין לאַנד; דער קאָנגרעס וועט דאַרפען שאַפען דעם אַדרעס פון פוילישען יודענטום, אַנ'-אַדרעס פאַר דער נישט-יודישער וועלט, פאַר אונזערע ברידער אין אויסלאַנד, פאַר אונז אליין; דער קאָנגרעס וועט מוזען ווערען דער כוח, וואָס פיהרט אָן מיט דער עקאָנאָמישער הילפס-טעטיגקייט און גיט איהר געזעלשאַפ-טליכען שוואונג און פּלאַן.

דאָס וועט אָבער געשעהן, און נאָר אין אזא מאָס, אין וועלכער די יודישע פאָלקס מאַסען וועלען זיך אין דעם קאָנגרעס בעטייליגען און בעשטימען זיין פּרצוף און טעטיגקייט. דער קאָנ-גרעס קומט פערווירקליכען דעם גרוי-סען פּאָסטולאַט פון דעמאָקראַטיזירען דאָס יודישע לעבען; ער וועט זיין אויפגאַבע ערפולען, ער וועט זיין עק-זיסטענץ בערעכטיגען, נאָר אויב ער אליין וועט זיין געבויט אויף יסודות פון דעמאָקראַטיע, ד. ה. אויפ'ן ווילען פונ'ם רוב פון דער יודישער בעפעל-קערונג. וואָס מעהר יודען עס וועלען זיך בעטייליגען אין די וואַהלען צום קאָנגרעס, אלץ מעהר אויטאָריטעט וועט דער קאָנגרעס האָבען און אלץ מעהר מעגליכקייטען צו בעקעמפען די קראַנקע ערשיינונגען אין אונזער לעבען און איבערבויען עס אויף גע-זונדע יסודות פון דעמאָקראַטיע, פון פּלאַנמעסיגער הילפס-ארבייט.

אַנשליסען זיך אינ'ם קאָנגרעס, אויס-קויפען די וואַהל-קאַרטע צו איהם—איז היינט די פליכט פון יעדען יוד.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

1938

עס לויפען די יאָהרען, עס פליהען די טעג, אזוי א יאָהר נאָך א יאָהר און אָט האָלט מען שוין ביים יאָהר 1938.

אין היינטיגען יאָהר הונדערט פון ציוויליזאַציע און פּראָגרעס שפּיעלט איין יאָהר מעהר ראָלע, ווי אַמאָל פערצייטענס גאַנצע הונדערט יאָהר; היינט געשעהט מעהר אין איין יאָהר, ווי אַמאָל אין הונדערט יאָהר.

לעבען מיר דאָך אין א צייט פון די גרעסטע טעכנישע דערגרייכונגען, נו, נו, געהט אַלעס מיט א שנעלען טעמפּאָ. אַמאָל, אזוי פּעלקער האָבען זיך געוואָלט צושלאָגען האט געדוי-ערט יאָהרען ביז מען האט געשמידט די תכשיטי-מלחמה. און בעשטאַגען איז דאָס געוועהר פון אַזעלכע כלי-משחיתים, אז מען האט געמוזט שווער און ביי-טער האָרעווען, מען זאָל דעם געגנער כאַטש דאָס פנים צוראַצען. היינט אָבער איז פּיף-פּאַף, א פויגעל פליהט אין דער לופטען און שטעדט ברענען, מענשען ווערען הורטעם צו'ממית'ם.

אזוי איז דאָס אויף אַלע געביעטען פון איצטיגען לעבען.

אַמאָל זענען די מענשליכע צרות אויך געווען נאָך מיט א מאָס, היינט אָבער געהען זיי מיט א שנעלען טעמ-פּאָ. אַמאָל האט נאָך עגזיסטירט יושר און גערעכטיגקייט אלס פּרינציפּען פון מאָראַל, היינט אָבער לאַכט מען זיך אויס דערפון. הייגט איז א צייט פון כל דאַלים גבר—וועמ'ער עס איז שטאַר-קער, דער איז דער גערעכטער, און היות ווי מיר יודען זענען די שוואַכע, שיטען זיך אויף אונז טאַקע אָהן א שיעור צרות און פּרעגיות און מיר זענען נאָך די שולדיגע.

ווען מיר קוקען אין אונזערע אלטע ספרים, לעזען מיר וועגען פּיין און עולות, וואָס מיר יודען האָבען אין משך פון דורות זיך אָנגעליטען. ווען מען זאָל אויפשרייבען בלויז די צרות, וואָס דאָס פוילישע יודענטום האָבען געליטען אין פערגאַנגענעם יאָהר, וואָלט מען דאָך געקאָנט גאַנצע קינות און מגילות-איכה אָנשרייבען. איצט התחבען מיר שוין דאָס אַלטע יאָהר מיט די צרות הינטער זיך און עס איז אריין אין לעבען דאָס נייע יאָהר 1938.

וואָס פאַרא נייעסען וועט אונז ברענ-גען דאָס נייע יאָהר, וועד ווייסט? יע-דענפאַלס זעהט זיך נישט פאַר, אז פאַר אונז יודען, איבערהויפּט פאַר די פּוי-לישע, רומענישע און דייטשע יודען זאָל די זון אויפשיינען אין יאָהר 1938. מען טאָר אָבער נישט פערצווייפלען, טאַקי דערפאַר, ווייל די צרות זענען ביי אונז נישט קיין נייעס, מיר זענען דאָך אין צרות און גזירות אָדורכגע-האָרטעוועט פון הונדערטער יאָהרען און פונדעסטוועגען האָבען מיר זיי אָדורכגעהאַלטען, האָפען מיר, אז אויך די היינטיגע צרות וועלען אונז נישט קאָנען פערלענדען.

הויב דעריבער אויף ר' יודעל, דעם קאָפּ, קוק מיט דיינע פערטריבענע אוי-גען דער פּאַסקודנער וועלט אין פּרצוף אריין און שטאַרק ביי דיר דעם גלוי-בען, אז דו וועסט זיי אַלע איבערלע-בען.

שרעק דיך נישט, ר' יודעל, פאַר'ן נייעם יאָהר. קיין צרות וועלען טאַקי נישט פעהלען, זאָלען אָבער די שונאים נישט טריומפירען, אז זיי וועלען אונז גובר זיין.

הונדערטער יאָהרען לייען מיר, אונזער גאַנץ לעבען איז איין קייט פון פּיין און צרות, שרעקען מיר זיך אויך נישט פאַר'ן ניי אָנקומענדען יאָהר, וואָס רופט זיך — 1938.

א גדולה אויף דער באָבע...

א גרויס גליק איז געשעהן אויף דער וועלט, עס איז אָנגעקומען ניי-יאָהר. נו, בכן, מוז מען פייערען דעם אזוי-גערופענעם סילוועסטער.

שוין פרייטאג פאַרנאַכט האט מען אין דער גאַס אָנגעזעהן, אַז עס דער-נעהנטערט זיך די סילוועסטער-נאַכט, ווען מען מוז טרינקען עד דלא ידע. גאַנצע מחנות בגלפונ'ריגע האָבען זיך געשלעפּט איבער די גאַסען; דאָס איז געווען אזוי צו זאָגען דאָס פאָרשפּיל צו דער ריכטיגער סעודה, וואָס קומט פאָר ערשט שפּעטער.

כ'ווייס נישט געגנוי די ציפער, ווי-פיעל אָפיציעלע סילוועסטער-אָווענדען עס זענען פאָרגעקומען ביי אונז אין שטאָדט. כ'ווייס נאָר, אז עטליכע גע-לער זענען יאָ פאָרגעקומען, וואו מען האט זיך געפרעהט מיט'ן פערשוואונ-דען פון אַלטען יאָהר און מיט'ן אָנקו-מען פון נייעם יאָהר.

אויב סילוועסטער ווערט אזוי פיי-ערליך אויפגענומען, איז דאָך א סימן, אז ער איז עס ווערט. און זאָל מען זיך נישט גענאַרען: אויב מענשען פרעה-הען זיך, האָבען זיי דאָך מסתמא פאַר-וואָס. אויב אזוי וועט אַוודאי פערשטענדליך זיין דאָס, וואָס אויך יודען פרעהען זיך אזוי שטאַרק מיט'ן סילוועסטער.

מילא, ווי זאגט מען, אויב נישט-יודען פרעהען זיך מיט'ן סילוועסטער, האָבען זיי פאַרוואָס, אָבער אז אויך יודען זאָלען זיך פרעהען, איז עס א ביסעל קשה און עס ווילט זיך באמת פרעגען: לשמחה זו מה הוא עושה, ווי קומען מיר יודען צו דער דאָזיגער שמחה, וואָס זענען די גדולות?

כ'וויל מודה זיין על האמת, אַז היי-יאָהר זענען קיין עפענטליכע יודישע בעלער נישט פאָרגעקומען אין סילוועס-טער, אַזאַ חוצפּה האָבען שוין אונזערע יודען נישט געהאַט. דערפאַר זענען אָבער פאָרגעקומען סילוועסטער-שמחות נישט עפענטליכע, נאָר אזוי אינערליכע אין די געזעלשאַפטען גופא. אַזוי איז פאָרגעקומען א סילוועסטער-באַל אין „לינגוויסטען" קלוב ווי אויך אין דעם „יענטיליגענטען"-קלוב און אין פּריוואַטע סביבות.

די פאָלקס-מאַסען, דער פּשוט'ער עולם, האט מיט'ן סילוועסטער זיך גישט געפרעהט. עס האָבען היי-יאָהר נישט געפייערט דעם סילוועסטער נישט די קליינהענדלער, נישט די האַנדווערקער און אויך נישט די אַלע, וועלכע דאַרפען זיך דאַרען דעם קאָפּ, פון וואַנען מען נעמט אויף א פּאַטענט. אויך דער פּראָלעטאַריאַט האט זיך נישט געוויילט מיט אָנקום פון ניי-יאָהר. דערפאַר אָבער האָבען בשום אופן נישט געקאָנט אדורכלאָזען דעם היי-ליגען יום טוב סילוועסטער אונזערע שמענדריקעס.

מיר זאָגען דאָס נישט דערפאַר, ווייל מיר טאַדלען, וואָס מען אָרדענט איין אין די היינטיגע צייטען פערוויילונגען. פערקעהרט, מיר האַלטען, אז טראָץ די צרות, וואָס שיטען זיך אויף יודען, אלץ מעהר פערוויילונגען, אלץ מעהר קולטורעלע פעראַנשטאַלטונגען דאַרף מען איינאָרדנען. אָבער פאַרוואָס מוזען דוקא די ימים טובים געמאַכט ווערען צוזאַמען מיט די נישט-יודען, צו וואָס דאָס נאָכמאַלפּעווען? האָבען מיר, למשל, יעצט געהאט צוויי טעג יום טוב, שבת און זונטאג, פאַרוואָס האט דער יום טוב געמוזט איינגעאָרדענט ווערען דוקא פרייטאג צו-נאַכטס און נישט שבת צו-נאַכטס.

הפנים, אז ביי אונזערע אזוי-גערו-פענע אינטעליגענטען ליגט נאָך טיעף איינגעוואָרצעלט די אַלטע מה יפית-פסיכאָלאָגיע, פון וועלכער עס איז זיך שווער צו בעפרייען.

האַסט געהערט, אַ קליינינגקייט. עס איז דאָך עפּיס סילוועסטער אויף דער וועלט, נו, וועט מען זיך נישט פרייען? עס איז דאָך א גדולה אויף דער באָ-בע...

נישט-פערגינער...

מיט סאַטיספאַקציע האט די פּאָלי-צייאישע כראָניק געמאָלדען, אז אין די טעג פון דער וויגיליע איז אין טשענסטאָכאָוו נישט פאָרגעקומען קיין איין אינצידענט, ווען די פּאָליציי זאָל האָבען געדאַרפט אינטערווענירען. דער-מיט האָבען זיי געוואָלט אונטערשטריי-כען, אז די טשענסטאָכאָווער בעפעל-קערונג האט זיך אויסגעלערנט זיין דיסציפּלינירט, געהאָרכזאַם און דער עיקר, אַז טשענסטאָכאָוו פערמאָגט בלויז אָרענטליכע, סאָלידע בירגער, והא-ראיה — אַזוי און אַזוי.

די פּאָליציי האט געהאָפּט, אַז אויך דער ניי-יאָהר יום-טוב וועט אָדורך אָהן אינצידענטען, זענען אָבער פּעריהאָגען נישט פערגינער און האָבען להכעיס דעם ניי-יאָהר-יום טוב בענייט מיט אָנ-פאָלען, געשלעגען און זאָגאַר שיסע-רייען, אַזוי, אַז די פּאָליציי האט גע-מוזט אינטערווענירען.

אמת, אז דעם גאַנצען כעס האט מען אויסגעלאָזט צו יודען. אָט האט די כראָניק פערצייכענט, אז עטליכע יודען האָבען זיך געוואַנדען אין יודישען שפּיטאָל צו פערבאַנדאַזשירען זייערע וואונדען, וועלכע זיי האָבען בעקומען פון „צופעליגע" דורכגעהער. אויך האט מען זאָגאַר איין יוד געשאָסען — דאָס

דר. מעד. נ. בערנשטיין (טשענסטאָכאָוו)

וואָס דאַרף יעדער מענש וויסען וועגען דער קרעבס-קראַנקהייט (ראַק)

3.

וועלכע זענען די שטעלען אין קערפּער, וואו דער קרעבס לאָקאַליזירט זיך אַממייסטען, און וועלכע זענען זיינע ערשטע צייכענס?

כדי צו ענטפערן אויף דער ערשטער פראַגע וויל איך מיך בענוצען מיט אַ סטאַטיסטיק, אין וועלכער עס זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אַלע קרעבס-פאַלען, וואס זענען פערצייכענט געוואָרען אין פוילען אין יאהר 1931.

אין דעם יאהר זענען פערצייכענט געוואָרען 5136 טויט-פאַלען דורך קרעבס. נאָך דער רייה פערנעמט דער קרעבס פונ'ם מאָגען דעם ערשטען פלאַץ, דאַן קומט דער קרעבס פון דער געבויר מוטער, פון דער ברוסט, פון דער אונטערליפּ און פון דער לעבער.

ביי מענער זענען אַמייסטען קראַנק דער מאָגען און די אונטערליפּ. ביי פרויען די געבויר-מוטער, די ברוסט און צום סוף דער מאָגען. אַנ'אונטערשיד איז פעסטגעשטעלט געוואָרען צווישען יודען און קריסטען. ביי יודישע מענער געפינט זיך הויפּטזעכליך דער מאָגען און לעבער-קרעבס. ביי יודישע פרויען דער ברוסט, מאגען און צום סוף דער געבויר-מוטער-קרעבס. די יודישע פרויען האָבען פיעל ווייניגער געבויר-מוטער-קרעבס אין פערגלייך מיט פרויען פון אנדערע פעלקער. דערפאַר האָבען זיי אָבער א סך מעהר גוטע געשווירען אויף דער מוטער (וולוקניאַקען). א חוץ אויף די אויבען אויסגערעכענטע ערטער בעזעצט זיך דער קרעבס אויך אויף דער הויט, צינג, דיקדאַרם, אים אַפּטער און אַנדערע שטעלען.

די ערשטע צייכענס פון קרעבס זענען אָבהענגיג פונ'ם אָרט אויף וועלכען ער ערשיינט. אויף דער הויט פונ'ם פּנים און אויף דער ליפּ שטעלט ער זיך פאָר אין אָנפאַנג אלס א קליין געשווירל אָדער געוויקסל, וואס טהוט גאָר נישט וועה. דאָס געשווירל קען זיך צופאַלען און דאַדורך לייכט בלוטען, עס האט איבערהויפּט נישט קיין טענדענץ צום היילען, פערקעהרט, עס פערברייטערט זיך און פעראורזאַכט אַ פערגרעסערונג פון די דריזען פון דער אומגעבונג, וועלכע זענען נאָרמאַלער ווייזע נישט בעמערקבאַר. ביי יעדען געשווירל אויף דער ליפּ, צונג אדער אויף אַנ'אַנדער אָרט, וואס מעג גאָר נישט וועה טהון, נור עס וויל זיך נישט היילען און דויערט וואָכען לאַנג, דערביי ווערען די דריזען פערגרעסערט, דאַרף מען דעריבער באַלד פרעגען אַ דאָקטאָר צי דאָס מאַסקירט נישט קיין קרעבס. כדי צו שטעלען אַ זיכערע דיאַגנאָזע מוז דער אַרצט אויסשניידען א קליינע פּראָבע פון געשווירל און עס לאָזען אונטערזוכען צי עס געפינען זיך נישט דערין קיין קרעבס-צעלען, וועלכע צייגען זיך זעהר כאַראַקטעריסטיש אונטער'ן מיקראָסקאָפּ.

דער מאָגען-קרעבס קען זיך אָנהויבען מיט באַנאַלע מאַגען בעשווערדען, פערלירונג פונ'ם אַפּעטיט, אַנ'עקעל צו פלייש, איבעל, אַפּשטויסען און ברעכען. דאס אפּשטויסען און ברעכען האט א גערוך ווי פערשטינקענע אייער אָדער אַלטע פוטער. דער מענש מאָגערט זעהר אָב, ווערט גאַנץ בלאַס און בלוט-אָרם. אין שטוהל געפינט זיך תמיד פערעלטערט בלוט, וואס טריפט כסדר פון דער קרעבס - וואונד. די שמערצען ערשיינען גאַנץ שפּעט. דער קרעבס קען זיך בעזעצען אויף פערשידענע ערטער פונ'ם מאָגען. ער קען גאַנץ פערשטעלען זיין אויסגאַנג אַזוי, אַז דער קראַנקער מוז אַלעס אויסברעכען. כדי צו אונטערשיידען א געוועהנליכע מאָגען-געשוויר פון א קרעבס מוז מען מאַכען אַ גוטע רענטגען אויפנאַמע פונ'ם מאָגען.

דער ברוסט קרעבס הויבט זיך אָן מיט אַ קליין געוויקסל, וואס בעווייזט זיך געוועהנליך אין איין ברוסט. דאס געוויקסל טהוט גאָרנישט וועה, קען זיין גרויס ווי א פאַסאָליע און ווערט ענטדעקט דורך א צופאַל ווען די פרוי מאַכט איהר טואַלעט. דאס קליינע געשווילס האט טענדענץ זיך שנעל פונאַנדערצוּוואַקסען און רופט אַרויס אַ פערגרעסערונג פון די דריזען אין דער ברוסט אַליין און אונטער דעם אָרעם. אין דאָזיגען סטאַדיום טאָר די קראַנקע נישט פערלירען קיין איין מאָמענט נאָר גלייך אַלאַרמירען דעם אַרצט. דאַמאָלס קען מען נאָך די קראַנקהייט אויסהיילען דורך אויסשניידען די ברוסט. פערלירט מען אָבער דעם גינסטיגען מאָמענט אַזוי ווערט דאָס געשוואולסט גרעסער, דרינגט אַריין טיעף אין די דריזען און אין דער וואַנד פונ'ם ברוסט קאַסטען, גיבט קאָלאָניעס אין די לונגען און מוח, ווי אויך אין די ביינער און אין דער לעבער. נאָך 2 יאהר גרויסע יסורים שטאַרבט דער קראַנקער. דערפאר איז אַזוי וויכטיג די פרויען אויפמערקזאַם צו מאַכען אויף די קלענסטע ענדערונג וואס זיי קענען בעמערקען אין דער ברוסט נישט דערמיט צו וואַרטען נאָר זאָפאָרט זיך בעראַטען מיט אַנ'אַרצט.

דער געבויר-מוטער-קרעבס קען זיך בעווייזען ביי פרויען שוין נאָך 35 יאהר. ער הויבט זיך אָן אַלס אַ קליינע וואונד, וואס טהוט איבערהויפּט נישט וועה, נור זי בלוטיגט זעהר לייכט ביי יעדען אָנשטרענגען אָדער נאָך יעדען פערהעלטניס. דער ערשטער צייכען, וואס דאַרף צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט איז דאס בלוטען, וואס בעווייזט זיך צווישען דער צייט פון די נאָרמאַלע פעריאָדען אָדער ווען די פרוי האט איהר צייט נישט מעהר און אויף איינמאל הויבט זי ווידער אָן צו בלוטען. די פרוי דאַרף דאַמאָלס קאָנסולטירען דעם אַרצט און נישט וואַרטען ביז זי וועט פיהלען שמערצען. די שמערצען אין דעם פאַל בעווייזען זיך, ווען די קראַנקהייט איז שוין כמעט נישט מעהר צום אויסהיילען, ווען די גאַנצע אומגעבונג פון דער געבער-מוטער איז אָנגעפולט מיט דעם געשוואולסט, וואס דריקט אויף די נערווען. דעם געבויר-מוטער-קרעבס איז מעגליך אין אָנהויב סטאַדיום גענצליך אויסצוהיילען דורך אָפּעראַציע אָדער דורך בעשטראַהלען. פערשפּעטיגט מען אָבער די ריכטיגע צייט, אַזוי פאַלט די פרוי א קרבן פון איהר אייגענער פערנאַכלעסיגונג.

דעם דאָזיגען אַרטיקעל וויל איך ענדיגען מיט עטליכע בעמערקונגען איבער די הייל-מעטאָדען פון קרעבס.

א שטילע=שטאָדט

(איינדרוקען פון א בעזוך אין פיעטרקאָוו)

שוין נישט איינמאל, ווי איך ווייל אין פיאַטרקאָוו, אָבער ביי יעדען מאָל, ווען עס קומט מיר אויס דאָרט צו זיין, בעוואונדער איך פשוט די דאָרט הערשענדע שטילקייט און רוהיגקייט. א שטאָדט, וועלכע ברויך זיך צו ענטוויקלען, פונאַנדערוואַקסען-שרימפּט גאָר אינגאַנצען איין; פון טאָג-צו טאָג מערקט מען דאס אָבשטאַרבען פון דער בעוועגונג, סיי אין גאַס און סיי און האַנדעל; קיין פיצעל לאָקאָמאָציע בעמערקט איהר נישט; זעלטען ווען ס'פאָהרט אדורך אַנ'אויטאָ, וועלכער מאַכט אָן א שטיקעל האַרמידער, אָבער אזוי קאָן מען זיך דרייסט לעגען שלאָפען אין דערמיט פּרינציפּיאַלער גאַס און קיינער וועט אייך חלילה דעם זיסען דרימעל נישט איבעררייסען.

טיילמאָל, ווען איך געה אַרויס אין גאַס דאַכט זיך אויס, אַז אַלץ איז אויסגעשטאָרבען. איך פרעג זיך בעקאַנטע: געוואַלד געשריען וואו זענען ערגיץ די פּיעטריקאָווער איינוואוינער, וואו איז די יוגענד? אָבער קיינער קאָן מיר קיין ענטפער נישט געבען, ווייל מען האט זיך שוין צום שטילשטאַנד צוגעוואוינט; מען לעבט שוין מיט די צרות אין פריידען.

דער שטילשטאַנד לאָזט זיך אויסטייטשען דערמיט, וואס אין פּיעטרקאָוו איז בכלל נישט ענטוויקעלט די אינדוסטריע. עס איז כמעט ווי אינגאַנצען נישט פערהאַן קיין פאַבריקאַציע. דער גרעסטער טייל פון דער בעפעלקערונג פערנעמט זיך מיט קליינהאַנדעל און מלאכה.

אַ גרויסער קלאַפּ איז אויך פאַר דעם שוין גענוג שוואַכען האַנדעל, דאס איבערטראָגען אַלע מערק אין דער שטאַדטישער האַנדעלס האַלע, וועלכע אַנ'אויסלענדישע געזעלשאַפט, האט מיט אייניגע יאהר צוריק אויפגעשטעלט ערגיץ הינטער דער שטאָדט. די האַלעס זענען געשטעלט אויפ'ן אמעריקאַנער מוסטער מיט פיעל קאָמפאָרט. אָזעלכע האַנדעלס-האַלעס זענען פערהאַן ווייניג אין פוילען. דער האַנדעל בכלל און די מאַרקשטעהער בפרט האָבען אָבער דאַדורך זעהר פיעל געליטען, פיעל יודישע פרנסות זענען חרוב געוואָרען; די מערק אויף וועלכע דער האַנדעל איז ביז-איצט פאָרגעקומען שטעהן פוסט און פּאַסט, די געוועלבער אָרום די מערק געהן איינציגווייז אונטער.

דער פּיעטרקאָווער פּאַרק מיט דעם באָטאַנישען גאָרטען, איז די ציהרונג פון פּיעטרקאָוו. מיט דעם לעצטען ריהמט זיך יעדער פּיעטרקאָווער איינוואוינער און מען מוז מודה זיין, אַז עס איז באמת אַ פּרעכטיגער פּאַרק. דער באָטאַנישער גאָרטען איז אינטערעסאַנט ביז גאָר שוין צוליעב די טויזענדער געוויקסען, וואס מען בעגעגענט. אַלע מינים זריעות זענען דאָרט פערהאַן. מען טרעפט טאָקע זעהר אָפט זיצען און שטודירען שול-יוגענד מיט זייערע פּראָפעסאָרען, וועלכע גריבלען זיך איבער דעם אָדער יענעם געוויקס.

אַ פּרעכטיגע געביידע איז דער געריכטס-בנין. עס איז די שענסטע געביידע פון פּיעטרקאָוו, אַ מוסטער-הויז פאַר געריכטען. דאס הויז איז נאָך אַ געדעכעניש פון די אַמאָליגע גוטע צייטען, ווען פּיעטרקאָוו איז געוועזען אַ גובערניע.

אַ קאַפּיטעל פאַר זיך איז דאָרט דאס געזעלשאַפטליכע לעבען. כאַראַקטעריסטיש, אַז פּיעטריקאָוו, וועלכע פערמאָגט אַזוי ווייניג אַרבייטער איז זעהר לינקיסטיש געשטימט, אַזוי קריסטען ווי יודען.

עס איז גענוג צו דערמאַנען, אַז דער פּיעטרקאָווער ראש הקהל איז אַ בונדיסט. בכלל האָבען די בונדיסטען אַ מערהייט אין דער קהלה ווי אויך אַ זעהר שטאַרקע אָרגאַניזאַציע. פּיעטרקאָוו איז איינע פון די געצעהלטע שטעדט אין פוילען וואו די קהלה איז אינגאַנצען בעהערשט דורך בונדיסטען.

דאס זעלבע איז אויך ביי קריסטען. דער שטאָדט-פּרעזידענט איז אַ סאָציאַליסט ווי אויך דער גאַנצער מאַגיסטראַט אין שטאָדט איז בעהערשט דורך סאָציאַליסטישע בעאַמטע און ראַטמענער. די דאָרטיגע פּ.פּ.ס. האט אַ שטאַרקען אייגפלוס אין שטאָדט; גיט אַרויס אַ טעגליכע אַרבייטער-צייטונג. די ענדעקעס וואַגען נישט דאָרט דעם קאָפּ אויפצוהויבען און ווען יאָ ווערען זיי פערטריבען דורך די פּ.פּ.ס., וועלכע איז באמת יודענפריינדליך, נישט נאָר מיט ווערטער ווי ביי אונז למשל, גאָר אויך מיט טהאַט.

דאס לעצטע לאָזט זיך טאַקע זעהר שטאַרק פיהלען. איהר קאָנט, למשל, בעגעגענען ביי די עפענטליכע מאַגיסטראַט-אַרבייטען יודען מיט בערד אַרבייטען צוזאַמען מיט קריסטען זעהר פרידליך און מען קומט גאַנץ גוט אַדורך, עס איז באמת אַ שעהנע זאַך היינטיגע צייטען אין פוילען צו זעהען אַ יוד שטעהן ביי עפענטליכע אַרבייטען און דערנאָך ווי ער נעמט זיין רידעל אויפ'ן אַקסעל און געהט זיך רוהיג אַהיים.

אויך געפינען זיך אין פּיעטרקאָוו אייניגע צעהנדליג יודישע דאָראָזשקאָזשעס, וועלכע פאָהרען זיך פּראָנק און פריי איבער די פּיעטרקאָווער גאַסען און ציהען ווי נישט פון זייער פּראָפעסיע חיונה פאַר דעם הויז-געזונד.

אין פּיעטרקאָוו איז אויך פערהאַן אַ גאַס—פערשטעהט זיך אין יודישען געגענד—אויפ'ן נאָמען פונ'ם גרויסען יודישען דיכטער י. ל. פּרץ, עס איז פשוט אַ גייסטיג פערגעניגען, מען שעפּט כוח ווען מען זעהט אויף די ראָגען פון דער גאַס קוקט צו אייך אַראָב דאס שילדעל פון דעם האַרציגען יוד און גרויסען מענש: פּרץ.

אַדאַנק דעם סאָציאַליסטישען מאַגיסטראַט איז אויך פערהאַן אין פּיעטרקאָוו א גרויס הויז פאַר קולטור, וואו עס געפינט זיך א שטאַדטישע ביבליאָטעק און א לייען-זאַל. דער איינגאַנג איז דאָרט אומזיסט, נאָר בכדי צו וויסען א גענויע סטאַטיסטיק וויפיעל מענשען עס בעזוכען דאס הויז שרייבט יעדער בעזוכער איין זיין נאָמען אין א ספּעציעל צו דעם צוועק צוגעגרייט בוך.

אין די היינטיגע פינסטערע צייטען פון ברוטאַלען אַנטיסעמיטישען שגעון זענען די ליכט-זייטען פון פּיעטרקאָוו פשוט א סאַטיספאַקציע פאַר אונז יודען.

עזריאל יאַקובאָוויטש

אבער איז נאָך דרך אגב. דער עיקר איז אבער וואס אויף דער וועלט געהט נישט אַלץ אַזוי ווי מען וויל, מען קאָן לעבען נאָר מען לאָזט נישט לעבען. אַט האט מען געוואָלט קאָנען פערצייכענען, אַז אין יום טוב פון ניי-יאהר איז אַלץ אַדורך בשלום, מען האט נישט געשיכור'ט, מען האט נישט געמאַכט קיין אַוואַנטורעס, עס זענען נישט פאָרגעקומען קיין געשלעגען און מערדערייען. איז עס אָבער נישט געוועזען בעשערט און אַלץ דערפאַר, ווייל עס זענען דאָ נישט-פערגינער...

וואָרום אין דער אמת'ן, וואס וואָלט געשאַדט די אַלע אַוואַנטורניקעס, ווען זיי וואָלטען כאָטש די צוויי טעג יום-טוב געווען רוהיג, אָנשטענדיג, ווי אַלע מענשען און די פּאָליצייי וואָלט געהאַט אַ סאַטיספאַקציע, נאָר געה, רעד מיט מענשען, אַז זיי זענען נישט-פערגינער.

„קולטורא".

בעת דער מלחמה, ווען קיין ברויט איז נישט געווען, וועגען מלבושים האט מען נאָר געקענט חלומ'ען, האט זיך די יוגענד געוואָרפען צום בוך אָדער צו געזעלשאַפטליכער אַרבייט. יענע צייטען האט מען טאַקי צו פערדאַנקען, וואס ביי אונז, און טשענסטאכאוו, איז געשאַפען געוואָרען אַ פערצווייגטע קולטור-אַרבייט.

אין איצטיגען מאָמענט, אין וועלכען מיר לעבען, געפינען מיר זיך פּונקט אין אַזאַ דעפּרעסיע, ווי אין די מלחמה-צייטען. וואָלט טאַקי געווען אַ יושר, אַז מען זאָל זיך מעהר אָבגעבען מיט קולטורעלע און געזעלשאַפטליכע אַרבייט, און קודם כל וואָלט נישט געשאַדט, אַז די יוגענד זאָל זיך מעהר פעראינטערעסירען מיט'ן יודישען בוך.

מיר אין טשענסטאָכאָוו זענען טאַקי אָרים אויף דעם געביעט. געווען ביי אונז עטליכע יודישע ביבליאָטעקען, וועלכע זענען צוליעב א רייהע אויסטערלישע סיבות נישט מעהר טעטיג און פון די אַלע איז נור געבליבען — אויך עפּיס א דאַנק נסים — איין איינציגע יודישע ביבליאָטעק א. נ. „קולטורא", וועלכע געפינט זיך אויף דער אַלעע 20.

אוודאי וואָלט מען זיך געקאָנט ווינשען, אַז די אויבענדערמאַנטע ביבליאָטעק זאָל זיין רייכער, אָבער בזמן הזה איז דאס די איינציגע ביבליאָטעק, וועלכע פערמאָגט א שלל מיט ביכער און מען קען דאָרט א סך גשניסען. איז דעריבער ראַטזאַם און מיר מאַכען אויפמערקזאַם די יודישע יוגענד, אַז זיי זאָלען ווייניגער שפּילען אין דאָמינאָ און אין בילאַרד און בעסער זיך בעקענען מיט אונזערע גייסטיגע אוצרות. כ'לעבען, אין דער היינטיגער צייט, ווען דאס לעבען איז אַזוי שווער, וועט זיי אַ ביסעל וויסען נישט פערשאַדען. פערקעהרט, עס וועט זיי צונוץ קומען, כדי צו קאָנען אויסהאַלטען דעם אָנגריף און זיי וועלען האָבען מוט און גייסטיגען כח נישט אַריינצופאַלען אין יאוש און פערצווייפלונג.

וואס גרעסער עס וועלען זיין די מחנות פון די לייענער, אַלץ רייכער וועט די ביבליאָטעק ווערען. וואס רייכער די ביבליאָטעק וועט ווערען, אַלץ בעסער פאַר די לייענער, און דעריבער, יודישע יוגענד, נעמט אייך צום בוך, וואס איהר קאָנט געפונען אין דער ביבליאָטעק „קולטורא".

פּאַטענטען=אַקציע.

די גמילת חסד-קאַסע ביי דער קהלה האט היי-יאהר אָרגאַניזירט אַ פּאַטענטען-אַקציע און העכער 150 פּעדזאָן האָבען בעקומען דערויף די געהעריגע הלוואות.

מילא, ס'זאָל זיך אַזוי נישט טרעפען, ווי עס טרעפט זיך לײדער יאָ, אַ גאַנץ יאהר האָרעוועט מען אָן, מען מסחרט, מען ווערט פערשוואַרצט, און ווען ס'קומט צום סוף יאָהר, ווייזט זיך אַרויס, אַז דער „קופּיעץ", וועלכען א סך האָבען מקנא געווען צוליעב דעם פערמעגען, וואס ער מאַכט, האט זאָגאַר נישט אויף קיין פּאַטענט.

ווי געזאָגט קאָן זיך היינט לײדער אַזעלכעס טרעפען, די זאַך איז אָבער, וואָס וועגען די הלוואות אויף פּאַטענטען האָבען זיך געוואַנדען נישט נאָר בלויז די אָרימע מאַרק הענדלער, וועלכע קויפען אַנ'אַכצעהן-גילדענדיגען פּאַטענט, נאָר אויך אַזעלכע „רייכע" סוחרים, וועלכע דאַרפען האָבען 90 זלאָטעס אויף א פּאַטענט און אפילו אַזעלכע, וועמענס געשעפטען עס געפונען זיך אויף די הויפּט-גאַסען פון דער שטאָדט.

כ'וויל מיר נישט איינרעדען, אַז נור די 150, וועלכע האָבען זיך געוואָנדען נאָך די פּאַטענטען, זענען די איינציגע, וועלכע דאַרפען אָנקומען נאָך הלוואות. ס'זענען פערהאַנען מסתמא א סך מעהר נאָר נישט אַלע סוחרים קאָנען זיך דערלויבען אויף אַזאַ „ושעסט", ביי א סך איז דאָך פערהאַנען דער כלל: קנייפּ אין די באַק, אַז די פאַרב זאָל זיין רויט. דאס ענדערט אָבער נישט די זאַכלאַגע גופא. דער מאַרק-שטעהער, דער קליינהענדלער און זאָגאָר דער גרויס-סוחר געפינען זיך אויף גרויסע צרות.

ס'געהט איצט א קאַמף אין פוילען צו דעראָבערען דעם סטראַגאַן צו ווערען „אָושעם" סוחרים, ביי וועלכע מען ווערט נתעשר, קומט אָבער ניי-יאהר, צום בילאַנס, ווייזט זיך אַרויס די בראָך.

כ'ווייס נישט, ווי אַזוי עס זעהט אויס ביי די נייע „אָושעם" סוחרים מיט פּאַטענטען, נאָר לויט די גרוסען, וואס מען בעקומט פון צייט צו צייט אָט פון די דאָזיגע נייע סטראַגאַניאַזשעס, זעהט מען, אַז אויך זיי וועלען נישט האָבען קיין בעסערע צוקונפט, ווי עס האט דער יודישער סוחר, און ווער ווייסט אָדער נישט נאָך ערגער...

מחשבות'ן, דער קהלה און איבערהויפּט דער גמילת-חסד-קאַסע ביי דער קהלה קומט יעדענפאַלס אַ דאַנק פאַר דער דאָזיגער אקציע, וועלכע זי האט אָנגעפיהרט און דערמיט געגעבען די מעגליכקייט אַ 150 יודישע סוחרים זיך צו קאָנען ווייטער מאַטערען ביים מסחר.

סחורה — מילא וועט מען זיך שוין אַנ'עצה געבען, וועט מען אין ערגסטען פאַל אויסשרייבען א וועקסעל; פאַר פּאַטענטען אבער מוז מען בעצאָהלען מיט כסף ממש, דערפאַר טאַקי איז געווען אויפ'ן אָרט דאס אַדורכפיהרען די פּאַטענטען-אַקציע.

קאָנסעקווענץ...

צו א יודישען דאָקטאָר פון דער אובעזפּיעטשאַלניע איז געקומען א פערזיכערטער, א זאַוואַדזיער איינוואוינער, א פיהרער פון די ענדעקעס. קומענדיג אין קאָרידאָר און טרעפענדיג א רייהע קריסטען האט ער גענומען מאַכען סקאַנדאַלען, אַז ער וועט זיך נישט לאָזען בעזוכען פון א יודישען דאָקטאָר.

איינער, א דרייסטער פּאַציענט, האט דעם קנאַקער געפרעגט אויב ער וויל זיך נישט לאָזען בעטראַכטען פון קיין יודישען דאָקטאָר, טאָ צו וואס איז ער באַלד אַהערגעקומען, האט ער דאָך געוואוסט, אַז ער געהט צו א יודישען דאָקטאָר. יענער האט טאַקי נישט געהאַט וואס צו ענטפערען, אוואַנטורעס האט ער אָבער געמאַכט, וואס בעוונותינו הרבים מוז זיך א רייִנער אַריער אונטערגעבען די מעדיצינישע אונטערזוכונג ביי א יודען.

דער סוף איז געווען, אַז דער פּאַציענט איז אַנטלאָפען נאָר אין צוויי שעה שפּעטער איז ער צוריקגעקומען און זעהענדיג, אַז קיין פּאַציענטען זענען שוין אין קאָרידאָר נישטאָ, איז ער אַריין צום דאָקטאָר זיך לאָזען בעטראַכטען.

אַז מען שמועסט קאָנסעקווענץ...

לויתן

Żarówki Dekalumenowe
TUNGSRAM
z Dwuskrętnym Drucikiem
D
świecą lepiej i oszczędniej

Przedstawicielstwo i skład komisowy wyrobów „TUNGSRAM"
KATOWICE ul. Reymonta 6, telefon 328-88 (boczna ul. Wojewódzkej)

די קאָנגרעס-צוגרייטונגען איבער'ן לאַנד.

די צוגרייטונגען צום יודישען פאָלקס-קאָנגרעס אין פוילען, וועלכע געהען שוין זינט א לענגערע צייט אָן איבער'ן גאנצען לאנד, האבען די לעצטע טעג אָנגענומען א בעזונדערס אינטענסיווען טעמפּאָ.

ביז איצט איז שוין פערהאַן קרוב 500 לאָקאַלע קאָנגרעס - קאָמיטעטען, וועלכע פיהרען אָן מיט דער ארבייט פון פערשפּרייטען די וואהל-קאַרטען צום קאָנגרעס. די דאָזיגע קאָמיטעטען איבערוואכען די ארבייט פון די בעזונדערע אָרגאניזאַציעס און בעמיהען זיך זי ווי ווייט מעגליך צו קאָאָרדינירען. אויפ'ן פערלאַנג פון די אָרגאניזאַציעס, זענען ביז היינט צושיקט געוואָרען אין די ערטער צום פערשפּרייטען כמעט צוויי מיליאָן וואהל-קאַרטען.

דאס צענטראל-ביוראָ אין ווארשא שטעהט אין אָנ'ענגען קאָנטאקט מיט די לאָקאַלע קאָמיטעטען, בעקומענדיג פון זיי יעדען טאָג פיעל צעהנדליגער בריעף מיט ידיעות וועגען גאנג פון דער ארבייט. דאס ביוראָ האט אויך ארויסגעשיקט אין די ערטער ספּעציעלע פלאקאט לאָזונגען און אויפרופען. עס ווערט אויך ארויסגעגעבען אַנ'אינערליכער צענטראלער ביולעטין מיט אינפאָרמאַציעס און אָנווייזונגען פאר דער אָרבייט. אין די נאָהנטסטע טעג דערשיינט א נייער נומער פון ביולעטין. אַ בעזונדערער קאָנטאָקט מיט דער פּראָווינץ ווערט אָבגעהאַלטען דורך די צענטראלע קאָנגרעס ביוראָען פון די בעזונדערע פּארטייען און אָרגאניזאַציעס, וואס געהען צום קאָנגרעס. מען דאַרף דערביי דערמאנען, אַז אַ חוץ בונד און אגודה, האבען אלע יודישע פּארטייען, געזעלשאַפטליכע אָרגאניזאַציעס און ווירטשאַפטליכע פערבאנדען אויסגעדרוקט זייער פּרינציפּיעלע צושטימונג צום קאָנגרעס.

בכדי א שטויס צו געבען די ארבייט אויף דער פּראָווינץ, פיהרט דאס צענטראל-ביוראָ אדורך א רייהע ראַיאָן קאָנפערענצען מיט דער בעטייליגונג פון שליחים פון ווארשא. איין ראַיאָן-קאָנפערענץ איז שוין פאָרגעקומען אין לאָדזש און זי איז אדורך מיט גרויס דערפאָלג, צוגעבענדיג נייעם שוואונג דער ארבייט אין די שטעדט פון דער לאָדזשער וואָיעוואָדזטווע. אזעלכע קרייז קאָנפערענצען דאַרפען נאך פאַרקומען אין ווילנא, ביאַליסטאָק און ראַוונא.

צו דעם זעלבען צוועק איז אויך פּראָקלאָמירט געוואָרען אַ ספּעציעלע מאָביליזאַציע פאַר'ן קאָנגרעס, אויף דער צייט פון 25 טען דעצעמבער 1937 ביז'ן 10-טען יאנואר 1938. אין די ראהמען פון דער מאָביליזאַציע ווערען אָרגאניזירט ספּעציעלע „טעג" פאר דער פערשפּרייטונג פון דער וואהל-קאַרטע צום קאָנגרעס. אזא „טאָג" איז אָדורכגעפיהרט געוואָרען אין ווארשא, וואו ער איז אדורך מיט א גרויסען פּראַקטישען און מאָראלישען דערפאָלג. אזעלכע „טעג" ווערען איצט צוגעגרייט אין א גרויסער צאָהל שטעדט איבער'ן לאַנד.

די אקציע פון פערשפּרייטען די וואהל-קאַרטען וועט דויערען ביז זונטאג דעם 16-טען יאנואר 1938. דער טאג איז דער לעצטער טערמין ביז וועלכען דער פערקויף פון וואהל-קאַרטען דאַרף זיין אָבגעשלאָסען. יעדער לאָקאַלער קאָמיטעט מוז זאָרגען דערפאַר, אַז ביז דעם 16-טען יאנואר זאלען אלע יודען אין שטאָדט, מאַן און פרוי, וואס זענען עלטער פון 18 יאהר, בעזיצען די וואהל-קאַרטען צום קאָנגרעס.

דער צענטראַלער אָרגאניזיר-קאָמיטעט גרייט שוין איצט צו דעם רעגולאַמין פאר די וואהלען צום קאָנגרעס. ווי בעקאַנט, איז דער טערמין פון די וואהלען בעשטימט געוואָרען אויף זונטאג, דעם 6-טען פעברואר 1938.

לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניזאַציע אין ארץ-ישראל

די לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניזאַציע איז דער יסוד פון יעדער קאָלאָניזאַציע. פון איהר ענטוויקלונג איז אָבהענגיג דער כאַראַקטער און צוקונפט פון דער גאַנצער קאָלאָניזאַציע. די פּויליש ארץ-ישראל'דיגע באַנק האט בעשלאָסען אין איהר ארבייט צו לענען דעם גרעסטען אָכט אויף אונטערצושטיצען די לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניזאַציע אין א"י פאַר די פּוילישע יודען.

ביים היינטיגען טאָג ווערען געמאכט אין נאַמען פון דער באַנק גרינדליכע אונטערזוכונגען אין ארץ-ישראל, וועלכע האבען דעם ציעל פעסטצושטעלען די מעגליכקייטען פון צוועקמעסיגע און נוצליכע דאַרף זידלונגען פאַר די קאַנדידאַטען פון יודישען מיטעלשטאַנד. די ארבייטען ווערען אָנגעפיהרט דורך געניטע פאַכמענער אַגראָנאָמען אין דער ריכטונג צו געפינען מעגליכקייטען פון איינאָרדנען נייע ישובים, ווי אויך די מעגליכקייטען פון איינגלידערן די קאַנדידאַטען אין די שוין עקזיסטירענדע און גוט איינגעאָרדענטע יודישע קאָלאָניעס. צוליב דער וויכטיגקייט פון די אונטערזוכונגען וועלען זיי נאָך דויערן א געוויסע צייט.

כדי אויסצונוצען די צייט פון די אונטערזוכונגען האט די פּויליש-ארץ-ישראל'דיגע באַנק בעשלאָסען צו זאַמלען א מעגליכסט אויספיהרליכען אינפאָרמאַציע מאַטעריאַל. און דעריבער ווענדעט זי זיך צו די קומענדע עולים, וועלכע ווילען זיך בעזעצען אויפ'ן לאַנד, אַז זיי זאָלען זיך בעטייליגען אין דער אַנקעטע, וועלכע ווערט דורכגעפיהרט.

די אַנקעטע האָף געבען א גענוי בילד וועגען דער ביזאַצטיגער טעטיגקייט פון קאַנדידאַט, צוועגטועלער צייט, ווען ער וועט עולה זיין, קאַפּיטאַל מיט וועלכען ער דיספּאָנירט, פאַמיליע פערהעלטנישען א.א.וו.

דער דאָזיגער מאַטעריאַל וועט דורך דער אויבענדערמאַנטער באַנק אויסגענוצט ווערען ביים ענדגילטיגען פעסטשטעלען דעם פּלאַן פון קאָלאָניזאַציע. אויסער דעם וועט איבערגעשיקט ווערען אינדיווידועל צו די געהעריגע עקספּערטען אין ארץ ישראל דער געזאַמעלטער מאַטעריאַל און נאָכ'ן בעקומען פון זיי אָנ'ענטפער, וועלען צושיקט ווערען גענויע אָפּערטען פאַר יעדען קאַנדידאַט בעזונדער.

אין טשענסטאכאוו ווערט די דאָזיגע אַנקעטע צוזאַמענגעשטעלט ווערען דורכ'ן פערטרעטער פון דער פּויליש—ארץ-ישראל'דיגער באַנק, ה' יצחק טשענסטאכאווסקי, אלעע 61, טעגליך פון 3 ביז 7 אָוונד.

הלוואות אויף 150 פאַטענטען

די גמילת-חסד-קאַסע ביי דער קהלה, וועלכע האלט אונטער די עקזיסטענצען פון א סך הונדערטער סוחרים און קליינהענדלער, וואס זענען קרבנות פון דער הערשענדער יודישער לאגע, האט אויך היי יאהר, ווי אין די פריהערדיגע יאהרען אדורכגעפיהרט א פּאַטענטען-אַקציע. סך-הכל האט די דאָזיגע קאַסע ארויסגעגעבען הלוואות אויף אנ'ערך 150 פּאַטענטען, וועלכע קאָסטען פון 18 ביז 90 זל. א פּאַטענט.

א דאנק דער דאָזיגער אַקציע וועלען די רואינירטע סוחרים און האַנדווערקער האבען די מעגליכקייט ווייטער צו פיהרען זייער בידנע האַנדעל און מלאכה.

אויסער די פּאַטענטען-הלוואות זענען סוף דעצעמבער אויך בעשטימט געוואָרען די נאָרמאַלע הלוואות פאַר די, וועלכע האבען דעם 15-טען דעצעמבער אבגעצאהלט די לעצטע ראַטע פון די פריהער-בעקומענע הלוואות.

פּראָפ. מאיר באַלאַבאַן אין טשענסטאכאוו

א גרויסע פּעראינטערעסירונג האט ארויסגערופען די ידיעה, אַז שוין זונטאַג, דעם 16-טען יאַנואַר וועט ווײלען אין אונזער שטאדט דער בעריהמטער געלעהרטער און היסטאָריקער פּראָפ. מאיר באַלאבאַן.

נדבות פאַר דער געז. „תומכי עניים"

ה' הענריק טאַטאַרקאַ 25 קילאָ ברויט צו זיין פערלויבונג.

וויכטיגע בעשלוסען וועגען כשר'ער שחיטה

כדי אָבצוהיטען די היגע יודען פון עסען מאכלות - אסורות, זענען אויף אַנ'אסיפה פון ראַבינאַט, שוחטים און נאמנים, וואס איז פאָרגעקומען דעם לעצטען זונטאג, אָנגענומען געוואָרען פאָלגענדע בעשלוסען:

1) בעקאַנט צו געבען די קצבים, ווי אויך אלע הענדלערס פון געשאָכטענע עופות, אַז יעדעס עוף, וואס ווערט דורך זיי פערקויפט, מוז האבען אויף זיך א פלאָמבע פון דער היגער קהלה. געגען די, וואס וועלען זיך ערלויבען צו פערקויפען עופות אָהן פלאָמבעס אלס כשר, וועלען אָנגענומען ווערען שטרענגע מיטלען.

2) צו האבען א שטרענגע השגחה איבער די רעסטוראַציעס, וואס געבען צו עסען כשר'ע מיטאָגען. צו דעם צוועק זענען בעשטימט געוואָרען עטליכע פון די קהלה-נאמנים, וואס וועלען איינינגע מאל אין דער וואָך בעזוכען די רעסטוראַציעס און נאכזעהן צו די עופות האבען א פלאָמבע און צו דאס פלייש האט א סטעמפּעל פון היגען שחט-הויז.

3) צו קאָנטראָלירען פאר יעדער חתונה, ברית - מילה אדער אנדערע שמחות, וואו די עופות, וואס ווערען צוגעגרייט צו דער סעודת-מצוה, זענען געשאָכטען געוואָרען, צוליב דעם וועלען די בעלי-שמחות בעקומען (א חוץ די פלאָמבעס אויף די עופות) א בעזונדער קוויטעל פון שוחט, וויפיעל עופות עס זענען געשאָכטען געוואָרען דאס קוויטעל וועט דער ספּעציעל דערצו בעשטימטער נאמן אָבנעמען ביים קאָנטראָלירען די עופות און דערנאך עס פאָרשטעלען דעם ראַבינאַט. דאס גלייכען וועט אויך קאָנטראָלירט ווערען דאס איבריגע פלייש, צי עס האט א סטעמפּעל פון שחט הויז.

4) צו וואָרענען אלע כשר'ע וואורשטען-פאַבריקאַנטען, זיי זאָלען קויפען פלייש נור מיט א חתימה פון היגען שחט-הויז מיט'ן סטעמפּעל „ubój rytualny" און „כשר". וועגען די, וואס וועלען האָבען אנדער פלייש, ווערט בעקאַנט געמאכט ווערען אין דער פּרעסע, אַז מ'קען ביי זיי נישט קויפען קיין כשר'ן וואורשט.

5) בעקאַנט צו געבען די היגע יודישע איינוואוינער, זיי זאָלען לעגען אכט אויף אלע אויבענדערמאנטע תקנות און נישט קויפען קיין געשאָכטענע אָהן פלאָמבעס פון דער היגע קהלה, ווי אויך כשר פלייש אָהן סטעמפּעל פון היגען שחט-הויז „ubój rytualny" און „כשר".

6) ארויסצוגעבען יעדען חודש הכשרים פאר יאַטקעס, רעסטאָראַנען, וואורשט-פאַבריקען, וואס וועלען זיך צופּאַסען צו די דערמאנטע תקנות.

7) אויך יעדע גאַנז, וואס קומט פון דער פּרעמד, מוז האבען א פלאָמבע פון דער היגער קהלה מיט'ן אויפשריפט „שחיטת-חוץ", וועלכע וועט אריפגעזעצט ווערען נאכ'ן פאָרשטעלען א הכשר פון רב, וואו די גאַנז איז געשאָכטען געוואָרען.

8) בעקאַנט צו געבען אלע היגע יודען וועגען די פלוג-בלעטער פון פערשידענע קצבים אין דער יודישער שפּראַך, וועגען ביליג פלייש, אַז דאס בעציהט זיך נאָר וועגען טרפה פלייש, און די יודען וואס עסען כשר, זאָלען דאס פלייש נישט קויפען.

דער ראַבינאַט געפינט פאַר נויטיג צו וויסען צו געבען די היגע יודישע בעפעלקערונג די דורך איהם אָנגענומענע תקנות און פערהאָפט, אַז די היגע יודען וועלען זיך צו זיי צופּאַסען. ולהשומע ינעם ותבוא עליו ברכת טוב

בית דין צדק דפה

טשענסטכוב בירח שבט תרצ"ח.

וואָס א קליינשטעטעלדיגער סוחר איז פעהיג צו טהון אין קאַמף מיט זיין קאָנקורענט

(פון אונזער אָסיאַקאָווער קאָרעספּאָנדענט)

מיינט נישט, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען „נאַראַ" לייט, וואָס האבען זיך אַנגעזעצט אויף אַ יודען, ווי דער דרך איז. ניין, דוקא איין יוד אויף א צווייטען, און א חסיד דערצו.

אין אונזער שטעדטיל אסיאַקאָוו בעזיצט פון א כמה יאָהרען אַ גאַלאַנטעריע-געשעפט א געוויסער וואָדאַ, אַנ'אלעקסאַנדער חסיד. מילא, האט ער, ווען מען געהט דאס אָן, זאָל ער אפילו מויערען זיך קאָמיעניצעס. איז אָבער די מעשה, וואס אזא יוד מיינט, אַז ער האט א מאָנאָפּאָל אין אָסיאַקאָוו און קיינער מאָחר טאָר זיך קיין עהנליך געשעפט נישט עפענען. איז אָבער געקומען א יוד, אַ געוויסער באַלער, וועלכער האט יאָ געהאַט די העזה זיך צו עפענען אזא געשעפט. וואָדאַ איז דעריבער געוואָרען מלא כעס וחימה: הא, אזא פּאַדלעץ! אויף מיר ארויף וועט ער זיך עפענען א קראָם! היה לא תהיה, עס זאָל מיך קאָסטען וואס, איך וועל דערצו נישט דערלאָזען!...

צו דעם צוועק האט ער זיך בעראַטען מיט זיין בעל יועץ יונה קזשעמיצקי און בעשלאָסען קודם-כל זיך נוקם צו זיין אינ'ם קאָנקורענטס פאַטער, וועלכער האַלט די מקוה און „אָנגעשריבען" וואו מען דאַרף, אַז די מקוה איז אונריין און „זאַראַזשליווע".

זעהענדיג, אַז די ערשטע „מכה" ווירקט נאָך ווייניג, האט ער בעשלאָסען צו שיקען א צווייטע „מכה" און געפּלאַנט צו מאַכען „בורא מאורי האש" איבער'ן געוועלב. צום דאָזיגען צוועק זאָל ער האבען געדינגען א שגץ, אָבער דער נאַכט-וועכטער האט עפּיס געשטערט. דאַן האט ער געפּלאַנט צו שיקען א דריטע „מכה": געדינגען אַ קריסט, וואס זאָל פּראָוואָצירען א קריגעריי און אויסטראַכטען א בלבול, אַז ער האט געזאָגט „פּאָלסקאַ שווינא". אויך דער פּלאַן זאָל אָבער נישט זיין געלונגען.

האט אונזער וואָדאַ געטראַכט און געטראַכט און דערטראַכט א שפּאָגעלנייעם פּלאַן. געדינגען אַנ'אינטעררוועלט-מענש אין לאָדז, וועלכער זאָל איהם אין לאָדז אונטערהאַקען די זייטען און צורויבען דאס געלד. דער אונטערוועלטניק זאָל האבען געשטעלט א בעדינג, אַז וו. מוז איהם ארויפּפיהרען אויף דער און דער הינטערגאַס.

ווי אזוי אָבער ברענגט מען איהם ארויף אויף דער דאָזיגער גאַס? האט אונזער שיינער יוד אָבגעפּאַסט ווען באַלער פאָהרט קיין לאָדז, מיטגעפאָהרען אויף איין אויטאָבוס און אויפ'ן וועג האט ער מפלומרשט מיט איהם שלום געמאכט, געריעדט גוטע לאָקרעץ זיסע ריידלעך, צו וואס זיך ארומרייסען, אַז ס'איז דאָ פּלאַץ פאַר ביידע און אין לאָדז האט ער איהם געוואָלט ווייזען וואו מען קען קויפען ביליג סחורה... באַלער איז אָבער נישט געוועזען קיין פּרייער און געזעהען זיך פון איהם אָבצוטשעפּען.

פון דעם אלעם וואָלט קיינער נישט געוואוסט, ווען נישט אונזער חתן דנן, וואס האט זיך צוקריגט מיט זיין בעל-יועץ קזשעמיצקי, ביי וועלכען ער איז געוועזן א יוצא ונכנס און זיך אגב אויסגעקוקט זיין שיך געשעפט און איצט אריינגעצויגען שיך-ארטיקלען אין זיין גאַלאַנטעריע-געשעפט.

דער בעל-יועץ איז פערגאנגענעם מיטוואָך צווישען מנחה און מעריב ארויסגעגאנגען אין בית המדרש אויפ'ן בעלעמער און בקול רם דערצעהלט די אלע אינטריגעס, וואס וואדא האט געפּלאַנט געגען זיין קאָנקורענט באַלער.

די דאָזיגע ענטדעקונג האט געמאכט אין שטעדטעל א געוואַלדיגען רושם. דער רב האט בעשלאָסען חוקר ודורש צו זיין דעם ענין און דאס גאַנצע שטעדטעל געהט דערוייל אויף רעדלעך.

ז. ה.

פייערליכע ערעפנונג פון די צושניידער-קורסען פון „אָרט" אין טשענסטאָכאָוו

ווי ס'איז בעקאַנט, איז א דאנק די בעמיהונגען פון עטליכע געזעלשאַפטליכע טהוער לעצטענס געשאַפען געוואָרען ביי אונז אין שטאדט אַנ'אָבטיילונג פון דער געזעלשאַפט „אָרט". די צייטווייליגע פערוואַלטונג וואס איז אויסגעקליבען געוואָרען אויף דער גרינדונגס-פערזאַמלונג, האט שוין אויסגעארבייט א גאַנצע רייהע פּלענער פאַר אָנפיהרען א ברייטע קאָנסטרוקטיווע ארבייט, ווי: אויפ'ן געביעט פון פאַכבילדונג, פאַכדערגענצונג, אינדוסטריאַליזירונג, לאַנדווירטשאַפט א. א. אין דער ערשטער רייהע האט זיך די געזעלשאַפט „אָרט" געשטעלט פאַר אַנ'אויפגאַבע אנצוהויבען איהר טעטיגקייט מיט'ן אָרגאַניזירען צושניידער-קורסען פאַר דאַמען און מענער-שניידער, וועלכע ווערען שוין אין די נאָהנטסטע טעג א געשעהענער פאַקט אין לעבען.

די צושניידער-קורסען הויבען זיך שוין אָן פון זונטאג, דעם 9 ד. ח. אין לאָקאַל פון האַנדווערקער - פערבאַנד, אלעע 12. זיי וועלען אָנגעפיהרט ווערען דורך אַנ'ערשטקלאַסיגען געניטען אינסטרוקטאָר, וואס ווערט געשיקט דורך דער „אָרט"-צענטראַלע אין ווארשע.

צו דער פייערליכער ערעפנונג, וואס קומט פאַר זונטאג, 5 נאכמיטאג ווערען איינגעלאַדענט א גאנצע רייהע געזעלשאַפטליכע טהוער און פערזאָנען. גלייך אויפ'ן אָרט וועט דער אינסטרוקטאָר געבען א פּראַקטישע לעקציע פאַר די אָנטיילנעמער פון קורס.

די יודישע געזעלשאַפט דאַרף מיטהעלפען אין דער נוצליכער ארבייט פון דער אזוי נוצליכער און סימפּאַטישע געזעלשאַפט „אָרט".

די קויהלען-אַקציע פון „בית-לחם"

אזוי ווי אלע יאהר אזוי האט אויך היי-יאהר דער „בית-לחם" איינגעאָרדענט א קויהלען-אַקציע פאַר אָרימע בכבוד'ע יודען.

צוליב פערשידענע סיבות האט דער „בית-לחם" נישט געגעבען דירעקט קיין קויהלען נאר געטיילט געלד אויף קויהלען, וואס טרעפט אָן די סומע פון 200 קערץ.

אין די נאָהנטסטע טעג וועט דער „בית לחם" פערטיילען נאך אויף 400 קערץ קויהלען.

ס'איז אונבעדינגט דער חוב פון דער יודישער בעפעלקערונג אין אונזער שטאדט אונטערצושטיצען די הילפס-אַקציע פון „בית לחם" און אויפנעהמען די זאַמלער בסבר פנים יפות, געמענדיג אין אַכט, אַז דערמיט העלפט מען, אַז א גרויסער טייל יודען זאָלען נישט געפרוירען ווערען פון קעלט.

באָקס-מעטש „מכבי"—„נורדיה"

זונטאג, דעם 16-טען יאַנואַר ה. י. וועט פאָרקומען א פריינטשאַפט-באָקס-מעטש צווישען דער היגער „מכבי" און סאָסנאָווצער „נורדיה".

דער מעטש האט ארויסגערופען א גרויסע פּעראינטערעסירונג צוליב דעם וואס די „נורדיה" געפינט זיך היינט צו טאָג אין ערשטקלאַסיגער פאָרם.

דער גייסט פון א מלוה מאהנט א חוב

אין א געוויס הויז אויף גארנצארסקא גאס האבען זייט א רייהע יאהרען געוואוינט א טהיר געגענאיבער א טהיר צוויי שכנים, גאסען הענדלער.

די שכנים האבען זיך געגענזייטיג ארויסגעהאלפען אין שווערע לעבענס-מאמענטען, באָרגענדיג איינער דעם אנדערן געלד צום קויפען סחורה.

דאס פריידליכע און הארציגע צוזאַמענלעבען פון די שכנים האט געדויערט א רייהע יאהרען און זיך געענדיגט ערשט גאכדעם, ווי איינער פון די הענדלער איז געשטארבען.

נאכ'ן דאזיגען פארפאל האט די פאַמיליע פונ'ם פארשטארבענעם זיך געוואַנדען צו זיין לעבען-געבליבענעם חבר, אז ער זאָל אומקעהרען די עטליכע צעהנדלינג זלאָטעס, וואס ער האט זיך געבארגט ביים נפטר.

אלע זייערע מאהנונגען זענען אבער געבליבען אָהן אָבקלאנג און שטענדיג זיך געטראפען מיט אנ'אָבזאג צו בעצאהלען דעם חוב, אויף וועלכען די פאמיליע האט נישט קיין בעווייזען.

ענדליך, אין א געוויסע ווינטער-נאכט האט צום הענדלער אין דער וואוינונג אנגעקלאפט א געשטאלט אין טונקעלער ווייסקייט און א לענגערע צייט אויף זיין פענסטער-שויב אויסגעקלאפט א שווערליכע מעלאָדיע.

דער נישט-עהרליכער בעל-חוב און זיין פאמיליע זענען געוועזען איבערצייגט, אז דער פארשטארבענער איז פון „יענער וועלט" געקומען מאהנען זיין חוב.

צומאָרגענס אין דערפריה איז ער דעריבער מיט חרטה און טויט בלאַסקייט אריין צו דער אלמנה גאך זיין פאר-שטאָרבענעם פריינד, זיך מודה געווען צום חוב און אויס'ן דאזיגען חשבון איינגעצאהלט די ערשטע ראטע פון 10 זלאטעס, פערשפרעכענדיג אין דער נאהנטסטער צוקונפט צו ערלעדיגען דעם גאנצען חוב.

די לאָקאַטאָרען פונ'ם זעלבען הויז דערצעהלען בשתוקה, אז די ראָל פונ'ם פארשטאָרבענעם האט אבגעשפילט איי-נער פון דער אלמנה'ס קרובים, וועל-כער איז מיט א קורצער צייט צוריק געקומען פון מיליטער.

פרעהליכע סילוועסטער-געסט פערוואונדען א יוד ביים צוריקקעהרען זיך פון באל

שבת, בעת די לוסטיגע און שיכור'ע סילוועסטער-געסט האבען זיך צוריקגע-קעהרט פון די פערשידענע פערוויילו-נגען איז אויף גאדזשעטשנא גאס גע-שעהן פאָלגענדע פאסירונג:

ארום 7 א זייגער אינדערפריה האָ-בען מיט דער נאדזשעטשנא גאס זיך צוריקגעקעהרט דריי קריסטען און נאך א קורצער קריגערייי האבען צוויי פון זיי געגומען יאָגען דעם דריטען, וועל-כער איז אויס מורא אריין אין הויז נומער 1 אויף דער דערמאנטער גאס.

זיינע צוויי „גלעזיל-חברים" זענען אבער נאך איהם אויך אריין אין דער-מאנטען הויז און נישט קענענדיג איהם געפונען אויפ'ן הויף, זענען זיי אריין אין דער וואוינונג פון דער אלמנה טעקלא קארמאן. די פרוי האט צופעליג געקענט די וואַנטוריסטען און אנגרי-פענדיג זיי ביי די נעמען, געבעטען זיך צו בערוהיגען און צו פערלאזען די וואוינונג. דערזעהענדיג, אז מען ווייסט ווער זיי זענען, האבען די וואַנטוריס-טען פערלאזט קארמאן'ס שטוב און אריק ארויס אויפ'ן הויף. וואו זיי האבען גענומען שיסען אין די פענסטער פון די דארטיגע לאקאטארען.

אויפ'ן אָבקלאַנג פון די רעוואָלווער-שאָסען, האט דער איינוואוינער פונ'ם זעלבען הויז שלמה פרידמאַן געעפענט די טהיר, וואס די שיסער האבען אויס-גענוצט און אריינקומענדיג אין זיין וואוינונג מיט'ן רעוואָלווער שווער פערוואונדערט אין קאָפ פרידמאנ'ען און געטרעטען מיט די פיס, ווי אויך זיין פרוי שווער צושלאָגען.

ס'איז ענטשטאַנען א בהלה און די לאָקאַטאָרען האבען ארויסגערופען דעם פאָליציאַנט, וואס האט דיזשורירט אויפ'ן פייערלעסטער-זאָל, אבער אינצווישענצייט זענען די כוליגאנעס נעלם געווארען. אויפ'ן אלאַרם זענען אויך אָנגעקומען נאך עטליכע פאָליציאַנטען פון קאָמי-סאַריאַט און זוכענדיג די וואָנטוריסטען פאַרלויפיג פערהאַלטען צוויי פערזאָן, וועלכע קענען בלומרשט די שיסער'ס. די אמת'ע שולדיגע האבען אָבער העָ-רענדיג, אז ס'זענען פערהאַלטען געווא-רען צוויי אונשולדיגע מענשען, זיך אליין צוגעשטעלט אין קאָמיסאַריאַט אריין. זייערע נעמען זענען: אָלשיק און סאָבקאָווסקי.

א דרייסטע גנבה אין באנק פאָלסקי

דעם 31 דעצעמבער פ.י. איז [?]דער געריכטס וואָזשני א[?] קאוואלסקי] געקומען אין [?]באַנק פאָלסקי מיט א טשעק, וואו ס'האט זיך געפונען 1.100 זל., וואס ער האט געפרובט אויסצופוישען אויף קליינגעלד.

האבענדיג שוין דאס קליינע געלד האט דער וואָזשני עס אריינגעלעגט אין דער טעקע און געלאָזט ביים פענ-סטער, צוגעהענדיג צום דערנעבענדיגען פענסטערל אויסטוישען 100 זלאָטעס אויף איינצעלנע גראָשענס, וואס זענען נויטיג ביים אויסצאָהלען די אָרבייטער.

ווען דער וואָזשני האט נאך א ווייל זיך צוריקגעקעהרט, האט ער פעסטגע-שטעלט, אז די טעקע איז פיעל לייכ-טער געווארען און אז ס'פעהלען 6 רולאָנען צו 100 זל. יעדער.

די אלאַרמירטע פאָליציי האט שוין אָבער נישט בעוויזען צו פערהאלטען קיינעם פון די גנבים.

דער וואָזשני וועלכער איז געפאלען א קרבן פון די גנבים, איז צו-ליב דעם דאָזיגען פארפאל אריינגעפאַ-לען אין א שווערער קראַנק.

היות ער האט געמוזט די צוגעגנבע-טע 600 זלאָטעס באלד צוריק איינ-צאָהלען, איז ער געווען געצוואונגען צו נעמען א הלואה אין דער זעלבסט-הילף קאַסע פון די געריכטס אָנגעשטעל-טע, וואס האט בעטראָפען צוזאמען מיט די קאָסטען 650 זל.

דער קאָלאָסאָלער שאָדען פאר'ן ארימען אָנגעשטעלטען, וואס פערדינט סך הכל 160 זלאָטעס א חודש און איז דערצו בעלאָסטעט מיט א פרוי און 5 קינדער האט שטאַרק געווירקט אויפ'ן 60 יעהריגען קאָוואַלסקי, וועלכער איז אַריינגעפאלען פון עגמת נפש אין א שווערער קראַנקהייט און איז איצט געצוואונגען צו ליגען אין בעט. זיין געזונד צושטאַנד איז זעהר אנ'ערנסטער.

די געריכטען טרעטען-צו צונויפצושטעלען די בילאַנסען

דאס שטאָדטישע און קרייז-געריכט זענען שוין צוגעטרעטען צונויפצושטע-לען די בילאַנסען פאר'ן יאהר 1937, ד. ה. צו מאכען א צוזאַמענשטעלונג פון דער צאָהל אָדורכגעפיהרטע פראָ-צעסען א.א.וו.

עס ווייזט זיך ארויס, אז א דאַנק דער ענערגישער אַרבייטס טעמפאָ האָ-בען די אָרטיגע געריכטען פולשטענדיג אויסגעגלייכט די פערלעגענע אַרבייט, וואס האט אין די פריהערדיגע יאָהרען צוריקגעהאלטען די שנעלע יוסטיץ-אויסמעסטונג. איצט ווערט זעהר שנעל בעטראַכט, כמעט עטליכע וואָכען נאכ'ן סוף פון דער אויספאָרשונג, יעדער פראָצעס. ספּעציעל ווערען צוגעאיילט די אזוי גערופענע אַרעסטאַנטען-פראָ-צעסען.

דאס פאריגע יאהר זענען אין היגען געריכט פארגעקומען פיעל אינטערע-סאנטע פראָצעסען, פון וועלכע ס'רוקען זיך ארויס אויפ'ן פאָדערגרונד דער פראָצעס פון בעסטיאַלישען מערדער אנטאָני גאָפ פון בוגיי, וועלכער איז במשך פון עטליכע וואָכען אדורך אלע אינסטאַנצען און גאָפ איז שוין אין ליס-טאָפאַד אומגעקומען אויף דער תליה אין ווארשא.

א גרויסע איפּרודערונג האט אַרויס-גערופען דער פראָצעס פון יאָסף פענד-ראַק, וועלכער איז דורכ'ן היגען קרייז-געריכט פער'משפט געווארען אויף אייביגער תפיסה פאר דערשיסען דעם טרעגער אַרבייטער סטעפאַן בגאראַן. דאס ווארשאווער אַפּעלאציע געריכט האט די שטראָף געמילדערט ביז 13 יאָהר תפיסה, אבער די פערטיידיגונג בעמיהט זיך וועגען א וויטערדיגע מילדערונג און די דעציזיע וועט קומען פון הפּכ-סטען געריכט.

דאן זענען אויך פארגעקומען א רייהע פראָצעסען פון די בעטייליגטע אין די טרויריגע יוני-געשעהענישען. בסך הכל זענען דורכ'ן קרייז-און שטאָדטישען געריכט בעטראַכט געווארען 20 פראָ-צעסען.

אויסער דעם רוקען זיך אָרויס פיעל פראָצעסען צוליב פאמיליען און ליבעס-טראַגעדיעס. די דאָזיגע סעריע פראָצע-סען האט אָבגעשלאָסען דער 29 יעהרי-גער זיגמונט קנאָפ, וועלכער איז פער-משפט געווארען אויף 5 יאָהר תפיסה פאר ערמאָרדען זיין ווייב.

אין משך פון פויריגען יאָהר איז פערהעלטניסמעסיג פארגעקומען ווייניג קאָמוניסטישע פראָצעסען. דער גרעסטער פון זיי איז געווען ראַק'ס פראָצעס, וועלכער איז אָנגעקלאָגט געווארען פאר דערשיסען א בלומרשטען קאָנפידענט.

אויך דאס נייע יאָהר האט אויסזיכט אויף א רייהע אינטערעסאַנטע פראָצע-סען און די לייענער פון דער היגער פרעסע וועט מסתמא נישט אויספעהלען קיין געריכטס סענסאַציעס.

אומגעהויערליכער זעלבסטמאָרד-פרוב פון א 12-יעהריג מיידעל

אנ'אונהיילבאַרע קראַנקהייט, פעררא-טענע ליבע און דאס פעהלען פון מיט-לען צום לעבען — דאס זענען די קלאַסישע מאָטיוען צו דער גרעסטער צאָהל זעלבסטמאָרדען און זעלבסטמאָרד-פרובען.

אבער א קינד, וואס געהט קוים אריין אין לעבען, וועלכעס האט נישט געהאט קיין געלד צו קויפען לערן-ביכלעך און העפטען זאָל אינ'ם טויט זוכען א רעטונג צו איהרע ליידען און עגמת נפש — איז א פולשטענדיג נייעס אין דער רעגיסטראַציע פון די זעלבסט-מאָרד טראַגעדיעס.

די העלדין פון דער דאזיגער גישנ-געוועהנלכער פּאָסירונג איז די 12-יעהריגע חנה ק. פון פּושירוב, א שי-לערין פון דער דאָרטיגער פאָווסעכנער שולע.

כל זמן די עלטערע געשוויסטער הא-בען געהאט בעשעפטיגונג אין צוויי טשענסטאכאווער פאַבריקלעך, האבען די עלטערן געקויפט פאר'ן קינד אַלער-ליי שול מכשירים. ווען די מאַטעריעלע הילף פון די קינדער האט אָבער אויפ-געהערט און דאס קינד איז געבליבען אָהן מעגליכקייט צו קויפען די נויטיגע לערן ביכלעך, איז ביי דער 12 יעהרי-גער חנה ק. רייף געווארען דער גע-דאַנק צו בעגעהן זעלבסטמאָרד, וועל-כען זי האט באלד אויסגעפיהרט דורך אראָבשפּרינגען פון 1 סטען שטאָק אויף דער גאַס.

דער סעראַווייפעלטער שפּרונג איז אָבער נישט געוועזען געפעהרליך אין די פאָלגען און דאס אומגליקליכע מיי-דעל איז אבגעקומען בלויז מיט לייכטע וואונדען.

פערזענליכעס

לויט א דעקרעט פון מיניסטער פאר עפענטליכער שוץ האט דער פּאָוויאַטאָ-ווע אַרצט פון דער שטאָדטישער סטאָ-ראָסטווע דר. וויטאָלד שיטשאָוש אוואַנ-סירט צו דער 7 סער דינסט קאַטעגאָריע.

די ווינטער-הילף-אַקציע

די ווינטער-הילף אַקציע נעמט ארום אין איצטיגען מאָמענט 11 טויזענד פערזאָן. די דאָזיגע צאָהל וועט זיך נאך פערגרעסערן — ווי מען ערוואַרט — איבערהויפּט, אז אין לוטי וועלען מוזען אנקומען צו דער ווינטער הילף ארום 2 טויזענד אַרבייטסלאָזע מיט זייערע משפחות, וועלכע האבען ביז איצט גע-נאָסען פון אַרבייטסלאָזע שטיצע. אין אַלגעמיין וועלען די אויסגאָבען אויף דער ווינטער הילף אַקציע אין אונזער שטאָדט בעטרעפען היי-יאהר ארום 400 טויזענד זלאָטעס.

פראָפ. מאיר באַלאַבאַן אין טשענסטאכאָו

א גרויסע פעראינטערעסירונג האט ארויסגערופען די ידיעה, אז שוין זונ-טאג, דעם 16-טען יאַנואַר וועט וויילען אין אונזער שטאָדט דער בעריהמטער געלעהרטער און היסטאָריקער פראָפ. מאיר באלאבאן.

דער חשוב'ער גאָסט קומט קיין טשענסטאכאָוו אויף דער איינלאָדונג פונ'ם יודאָאיסטישען צענטער, וואו ער וועט רעפערירען א. ד. ט.: „דן יצחק אברבנאל און זיין תקופה".

עס איז צו האָפען, אז סיי דער פרעלעגענט, סיי די אינטערעסאנטע טעמע וועלען צוציהען א צאהלרייך פובליקום.

געשאַפען אנ'אָבטיילונג פון סאָ-ציאַלער הילף ביים לאַנד-ראַט

אַנהויבענדיג פונ'ם 1 יאנואר ה. י. איז ביים לאַנד-ראַט פון די פראָפ. קלאַסען-פעראיינען געשאַפען געווארען אנ'אָבטיילונג פאר סאָציאַלער הילף, וועלכע שטעהט אין פערבינדונג מיט איינציגע צעהנדלינג היגע דאָקטוירים פון אלע ספּעציאַליטעטען.

די דערמאנטע אָבטיילונג פאר סאָ-ציאַלער הילף גיט ארויס לויט א פרייזן אויסוואהל בעשעפטיגונגען צו דאָקטוי-רים אויף מעדיצינישע הילף פאר מיט-גלידער פון די פראָפ. פעראיינען און זייערע פאַמיליעס פאר א ביליגערן אָבצאָהל.

די ביוראָ געפינט זיך אין לאָקאַל פון לאַנד ראט אויף פילסודסקי 17.

פון י. ט. ס. פ. „מכבי"

דער מיטגליד פון היגען „מכבי" אברהם קאַפלאַן איז אנערקענט געווא-רען דורכ'ן מלוכה'שען פערבאַנד פאר לייכטאַטלעטיק אלס אינסטרוקטאָר פון דאָזיגען ספּאָרט-צווייג. קאַפּלאַן איז היינט צו טאָג דער איינציגער יודישער אינסטרוקטאָר פאר לייכטאַטלעטיק אין טשענסטאָכאָוו.

די לייכטאַטלעטיק איבונגען פאר מענער אונטער לייטונג פון א. קאַפלאַן קומען פאר אין לאָקאל פון „מכבי" יעדען מאנטאג און מיטוואך פון 9 ביז 10 א זייגער אָוונט.

די ריטמישע איבונגען פון דער דאַ-מען סעקציע ביים „מכבי" הויבען זיך אָן פון 10-טען ד. ח. נאכ'ן צוריקקעהר פון מגר. אניוטאַ היטנער פון אורלויב. די איבונגען וועלען פארקומען נאָרמאַל ווי ביז איצט צוויי מאָל וועכענטליך.

נייע שטרייקען אין טשענסטאָכאָוו

די לעצטע טעג זענען אין צוויי היגע פאַבריקלעך אויסגעבראָכען קאָנ-פליקטען צווישען די אַרבייטער און אַרבייטס-געבער.

אין דער פאַבריק פון שפּילצייג פון מ. מאַשקאָוויטש אויף גאַרוטאָוויטשא גאַס איז אויסגעבראָכען אנ'אָקופּאַציע-שטרייק צוליב דעם, וואס די בעלי-בתים האבען אָבגעזאָגט דעם פאַבריקס-דעלעגאַט. די אַרבייטער אנערקענען די דאָזיגע האנדלונג פאר נישט-ריכטיג און דעריבער פערשפּרייקט, פאָדערענדיג צוריק צוצונעמען צו דער אַרבייט דעם פאַבריקס דעלעגאַט.

— אין דער ספּינקעס-פאַבריק פון פּראַנק און שפּיאָ וואס בעשעפטיגט 30 אַרבייטער איז אויסגעבראָכען א שטרייק צוליב'ן אָבזאָגען די אַרבייטער. זיי פערלאַנגען א גאַראַנטיע, אַז ביים עפענען צוריק די פאַבריק, וועלען די אַלטע אַרבייטער צוריק צוגענומען ווע-רען.

Szkoła Koedukacyjna i Przedszkole

im. ZOFII WAJNSZTOKÓWNY

w Częstochowie, Aleja 20, tel. 10-78.

przyjmuje zapisy nowowstępujących na II półrocze do wszystkich klas. Do PRZEDSZKOLA przyjmuje się dzieci od lat 3-ch

Najnowsze odbiorniki radjowe na r. 1938

ELEKTRIT i TELEFUNKEN

Niezwykle dogodny system ratalny umożliwia prawie każdemu do nabycia tych doskonałych odbiorników

we firmie Optyk Medical, Aleja 31.

א מעבלירט צימער

מיט אלע בעקוועהמליכקייטען אין א גוטען פונקט שוין צו פערדינגען.

ערקינדיגען אין רעדאקציע פאר ז.

פארבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער.דעם גערעלב פון דער קאפעלושארניע)

קראַגענס ווערען געוואַשען מיט דויער-האַפטען שפּיגעל-גלאַנץ

ספּעציאַליטעט:

1) אויספרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פארבען לויט מוסטערן,
3) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן אויפ'ן אָרט),
4) כעמיש רייניגען און פאסאנירען קאפעלושן.

Dr. med.

A. WOLBERG

choroby skórno - weneryczne

POWRÓCIŁ

i ordynuje od 4—7 po poł.

Aleja Wolności № 13

II piętro tel. 13-67.

Lekarz-Dentysta

Henryk Lejzerowicz

przeprowadził się na ul. Aleja 32 m. 3

telef. 17-57.

KINO „EDEN"

מאַרלענא דיטריך ראָבערט דאָנאַט

אינ'ם מיטרייסענדען פילם

Hrabina Władinow

אין די סיבירער וועלדער און וויסטע-נישען איז געשאַפען געווארען דאס דאָזיגע קונסטווערק.

Kino „LUNA"

היינט—די אויסגעצייכענטע פארס מיט'ן קעניג פון די קאָמיקער

NIEDORAJDA

אין דער טיטעל-ראָל: אַדאָלף דימשאַ

ראַדאַיעווסקאַ, יארשעווסקאַ, אַרוויד, זניטש א. א.

א האַלבער זאָל 80 גר. און א האַלבער זאָל 1.10

Kino-Teatr „STYLOWY"

Aleja 27.

פילם, וואס ריהרט מיליאָנען הערצער פון מוטערס, פאָטערס און קינדער

BOHATER MORZA

אין דער הויפּט-ראָל:

פרעד באַרטאַלאָמע

איבער'ן פּראָגראַם: קלאַנג-צוגאַבען

שבת און זונטאג האלב 1 מיטאג

BYŁAM SZPIEGIEM